שיקט באגריסונגען צום 100'טן יובל נומער!

„לשון און לעבן" —::— פארן מאי נומער


„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מארריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראפע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

„אין זכות פון די טעג" 3/6

„אין חדר אריין" 5/-

פון

משה עובד

צו באקומען ביים מחבר:

MOSHE OVED, 26, Museum Street, London, W.C.1

עפענטליכע ביבליאטעקן באקומען דאס בוך פריי



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*




# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

ניינטער יארגאנג נו. 5 העפט 100 מאי 1948 לאנדאן

הונדערטסטער רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל


## אינהאלט


ירושלים עיר הקודש, ארץ ישראל ערד, זעקס מיליאן . . ** 1
ציוט פראבלעמען . . . . . . . ד"ר יעקב י. מיימלים 5
א ברודער (באלאדע) . . . . . . . חוה ראזענפארב 11
די ברידער פלאטקי (דערציילונג) . . ביטרים בעקערמאן 13
פרילינג אין עסטרייך (ליד) . . . . . . . יצחק ווינער 20
דער ערשטער טריט, אויפן הייליקן ארט (לידער) . . א. ר. מען 21
צוויי טויבן און פרילינג (לידער) . . . . ש. זאלקין 22
צו דער פרילינג אויסשטעלונג אין „בן-אורי" . . . . ש. 23
דער פידל-שפילער (בילד) . . . . . . . מאנע קאץ 23
רצון (סקולפטור) . . . . . . . . . משה עובד 25
דער פארטרעט פון דער דאמע שאגאל . . . ש. טענענבוים 26
ווייב און טאכטער (בילד) . . . . . . . מארק שאגאל 27
דער דענקמאל (פאעמע) . . . . . . . . ש. גאנשאר 28
חתן איר זענט מכובד מיט מפטיר . . . . י. נ. ערליכמאן 29
ברוך!... (לאגער עפיזאד) . . . . . . . שבי׳ נלאם 32
מענדעלע און פרץ (עסיי) . . . . . . . לע׳ קעניג 34
מלאכה בזויה (רעצענזיע) . . . . . . . מ. ווילענסקי 36
יידיש בעלעטריסטיש בוך אין ארץ ישראל . . . ש. ערנסט 39
נאציאנאלע יוגנט . . . . . . . . . א. מ. פוקס 42
„דער ניינצענטער אפריל" . . . . . . . יוסף פרענקל 47
די הענט פון שמשון זענען לאנג . . . . . דוב ווארשאווסקי 50
אזא יידיש טעאטער (רעצענזיע) . . . . ש. י. הארענדארף 53
די פייערונג פון „לשון און לעבן" . . . . . י. ביעטש 59
דאס זייגערל (ליד) . . . . . . . . . משה עובד 60
האב איך מיר א סיבאלקע . . . . . . . אליהו פאלושאק 62
באגריסונגען פון שרייבער, אינסטיטוציעס און לייענער . . . . 66
דעם רעדאקטארס ווינקל... . . . . . . . . . . . 85
יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס . . . . . . . . . 88


יובילעאום

נומער

פרייז 1/6

# ירושלים על ראש שמחתי

מיר האפן, מיר וענען זיכער, אז דער זונטיק, דער 16־טער מאי — ז א י י ר! — דער טאג פון אונזער פייערונג פונם דערשיינען פונם 100־טן נומער „לשון און לעבן", וועלכער טרעפט זיך גראד צוזאם מיט נאך א גרעסערן יום-טוב — מיט אונזער אלעמענס יום־טוב, מיט דער שמחה פאר אלע יידן! מיטן אויסרופן פון דער יידישער מלוכה אין ארץ ישראל!! — וועט חלילה, נישט צעשטערט ווערן מיט שלעכטע נייעסן פונם קעמפנדיקן ישוב.

אז אונזער גרויסער נצחון דארט וועט זיין אויף אלע פראנטן! נאך מער, אז עס וועט זיין שלום על ישראל!! און אז די יונא, די גרויסע וועלט מלוכות, וועלכע האבן געגוג כוח, וועלן אויך האבן גענוג טאקט, פריציייטיק אנצונעמען אלע נויטיקע מיטלען צו באהיטן אונזער יידישן ישוב פון א קאטאסטראפע, אז דאס אומזיסט פארגאסענע בלוט זאל נישט פאלן אויף זייערע קעפ....

מיר זיינען זיכער אין אונזער נצחון, אינם נצחון פון אונזערע גבורים־העלדן, אין די שטארקע באגייסטערונג פון אונזערע בחורים און מיידלעך, אין די ריינע תפלות פון אונזערע ערליכע און גוטע יידן. און ביים אויסרופן די יידישע מלוכה אין ארץ ישראל פון די פירער פון דער יידישער אגענץ, זאלן אויך געהערט ווערן אונזערע שעפטשענדיקע ווערטער:

מ י ט  מ ז ל  א ו ן  מ י ט  ב ר כ ה — — —

מ י ט  מ ז ל  א ו ן  מ י ט  ב ר כ ה — — —

מ י ט  מ ז ל  א ו ן  מ י ט  ב ר כ ה — — —

## ג ר ו י ס ע  פ י י ע ר ו נ ג  פ ו ן  ל ש ו ן  א ו ן  ל ע ב ן

:: — 100-טן נומער — ::

**זונטאג 16 מאי 2.30 נאכמיטאג**

בערנארד באראן סעטלמענט 33 בערנער סט. א.1

מיט רעציטאציעס באטייליקן זיך פרייגטלעך

די באוואוסטע אקטיארן

יצחק קרעלמאן  דארא קרעלמאן  הארי אריעל

עס וועלן ריידן:

משה עובד י. ביעטש אליהו פאלושאק נעט רובין און דער רעדאקטאר א. נ. שטענצל

בילעטן פון 1/6 ביז 7/6

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

ניינטער יארגאנג נו. 5  העפט 100  מאי 1948 לאנדאן


## ירושלים עיר הקודש

נאך האלבער נאכט עפנט זיך אויף מיין הארץ.
א שמוק־קעסטעלע מיט סאמעט אויסגעבעט.
און פאר מיינע אויגן גאלדן צעגלאנצט
קיילעכדיקער קופאל, שלאנקער מינארעט;
ס'מינדסטע פענסטערל פון פינסטערסטער שול —
צעפינקלטער דימענט, געשליפן צעגלעט.

נעם איך'ס ארויס פון סאמעט קעסטעלע.
און שטעל'ס באזאכט אויף מיין האנט מיר ארויף.
מיין פינסטערע שטוב א פולע מיט ליכט.
און מיין געעפנט הארץ אפענער אין סוף;
יעדן באגין פארשליסט די זון דערין
איר גאלדענעם קופאל, איידער זי גייט אויף.

א דערשראקענער קעמעל־קאראוואן.
א צעקלונגענער מיט גלעקלעך און מיט גלעק.
פארגייט עס אין טיפעניש פון מיין הארץ.
באלאדן מיט בשמים-און ווירצן געפעק.
נאך איידער פונם מינערעט אראפ.
ס'שרייט אוים דער מאזין זיין תפילהדיק געוועק.

ליג איך א גאנצן טאג שטיל פאר מיין הארץ.
פעסט צו באהיטן א פארשלאסענעם סוד.
פון מיינע אויגן ארוים שלאגט זיך אפ
צו די קלויסטער שפיצן א צעבליצטער שפאט:
צוזאם מיט מיין הארץ נאר ארויסרייסן
ירושלים די הייליקע שטאט — — —

איפציענדיקער פרוכת — חצות שעה!
און פאר אפענעם ארון־קודש איך טרעט:
א כתר מיט ניין־גאלדענע גלעקלעך
איז ירושלים די שטאט פון די שטעט;
און יעדעס פענסטערל א נר תמיד.
צאנקט אין דער נאכט אריין מיט שטילן געבעט.

## ארץ ישראל ערד

זשאַרנעם ארץ־ישראל זאַמדלעך געבליבענע,
פון וועלכע מ׳האָט געלייגט צוקאָפּנס פון מיין טאַטן,
טראָג איך אין מיין האַרץ־טאַרבעלע צעריסענעם,
וואָס איך האַלט אין פאַרצערעוועןן און פאַרלאַטן.

די פאַרלוירענע זעמדלעך אויפן וועג צומאָל,
זיינען געצויגענער שליאַר מיך נישט צו פאַרלירן;
אין מיינע טרערן, די זשאַרנע זעמדלעך אין טוי,
אויפגייענדיקע צעצווייגטע בוימער־שפּאַלירן.

רויט־קאַלירטע קאַראַלן־שטאַמען גייען אויף,
אין גליווער פון פאַרגאָסענעם בלוט, גאַנצע ימ׳ען,
זשאַרנעם ארץ־ישראל־זעמדלעך געבליבענע,
פון וועלכע מ׳האָט געלייגט צו קאָפּנס פון מיין מאַמען.

אָ, מיין שוועסטער, נישט ארץ ישראל קערנדלעך —
ציאָן קאַלי אין גאַז קאַמער געטון איר שיטן!
שטייט זי מיר צוקאָפּנס אַן אויפגעגאַנגענע
מיט יעדן בעז בוים אין פרילינג וואָס שטייט אין בליטן.

איז נישט נאָר מיין האַרץ־טאַרבעלע מיין צעריסנס,
האַלט איך יעצט אין פאַרצערעוועןן פאַרשטריקן,
נאָר יעטווידער בליענדיקער בוים — ארויף זייל,
ברענט טרערן מיר אוים אין מיינע גליאיקע בליקן.

און וועלן די לעצטע זשאַרנעם ארויספאַלן
און נישט בלייבן ס׳וועט מער צוקאָפּנס מיר צו לייגן,
וועל איך זיין אַ לעצט געטראָפּענער פון אַ בליץ,
אַן אינטערנעהאַקטער שטאַם מיט פאַרוועלקטע צווייגן.

## זעקס מיליאָן

וואו זיינען די זעקס מיליאָן פאַראייביקט,
ווען יעדער ייד שוין אַן אות אין דער תורה האָט?
אָ, אין די זעקס ווערטער „שמע ישראל
אדוני אלקינו אדוני אחד“ — —

און וויפל טויטן אין די אותיות
אַז אַלע ארבע מיתות אין די דלת שטעקט!
יאָ, אַזוי ווי דער שמע ישראל פּונקט,
וועט זייער אָנדענקען נישט ווערן אָפּגעמעקט.



און ווי דער גאָט פונם פאָלק ישראל,
קיין געשטאַלט נישט, אָנצוטאַפּן עס מיט די הענט,
דערפאַר נישט אויף תליות אויפגעהאַנגען —
אין רויך אויפגעגאַנגען אין אייביקן אַן ענד.

פאַרוואָס איז משנה דען זעקס סדרים,
עס איז דאָך געגוג איין פּרק נאָך אַ מת?
זעקס סדרים נאָך די זעקס מיליאָנען,
און די יאָרצייטן נאָך זיי ס׳איז יעדער מעת־לעת.

„והגית בו יומם ולילה“ — — —
ס׳איז יעטוועדער רגע אַ דערמאָנונג נאָך זיי!
און אין דער לעצטער מינוט פאַרן טויט —
אויף יעדנס ליפּן דער שמע ישראל־געשריי.

און דערפאַר יעדער בלוט־טראָפּ אונזערער
אָפּגעציילט 6,000,000 רויטע בלוט קערנדלעך האָט:
די נקמה — ווי דער „שמע ישראל
אדוני אלקינו אדוני אחד“.

## 600,000

(דער ישוב אין ארץ ישראל)

ווי שמעון ולוי די ברידער די צוויי,
600,000 שטייען זיי דאָרט איצט:
איידער נקמה פאַר שוועסטער געשענדטע,
גלייבער גלייך, מיט אייגענעם גוף געשיצט.

אַן איינציקע שוועסטער איז דינה געווען,
יהודית יעצט דאָרט יערע יידישע פרוי:
אַז נישט מער אַ גאַנץ פאָלק מיט קינד און מיט קייט,
פאַר אַלעמענס אויגן געשענדט אַזוי.

6,000,000 געפאַלן אויף קדוש השם,
600,000 פאַר קדוש העם:
צומאָל גאַנצע וועלט אַן אויפגעריסענע,
מיטגעריסן אין אָפּענעם תהום.

אַז קבר מיט איינן לייב אויפגעריסן,
איז „כברת־הארץ“ אַ קינדער־שפּיל;
עס הענגען זייערע קעפּ אויף די לייבער,
גראַנאַטן צו שליידערן אינם ציל — —

א שמשון הגבור ס'איז יעדער פון זיי.
די קלאָרסטע בליקן פון נקמה בלינד:
בעסער 600.000 געפאַלענע,
ווי 6.000.000 צעפלאַשעטע אין ווינד — —

אויפגעריסענער תהום ווערט פונדאַמענט,
שטיין אויף שטיין יעדער געפאַלענער העלד,
אַז רויך אויפגעגאַנגענער פון 6.000.000
זאָלן זיילן בלייבן פאַר נייער וועלט.

## געבליבענער איינער

פאַר מיין ברודער־זון אין תל־אביב הרב יונה שטענצל לכבוד ל"ג־בעומר

נישט מיט פיילנבויגן און האַלצערנעם שווערדל,
מלמדים מיט ייִנגלעך אויף הייליקן פעלד,
פון יעדן שטעטל געבליבענער איינער,
אויף טויט און אויף לעבן א באַוואָפנטער העלד.

נישט מיט אייער און בייגל סעודות צו פראַווען,
אויסגעזעצטע בחברותא אין פרישן גרין,
פון יעדער משפחה געבליבענער איינער,
גראַנאַטן צו שליידערן ציט איצטער אהין —

אין הייליקן לאַנד יענע סעודה צו מאַכן,
אַז פאַר אַלע מענטשן ס'שטיקעלע ברויט זאָל זיין!
פון פיינסטן מעטאַל געשליפן מוז זיין די שווערד,
און אויף טויט און לעבן יעדער גרייט זיין צו גיין.

צי קאָן מען דען אויסשמידן אַן אקער אייזן,
פונם ל"ג־בעומר בויגן און שעוורדל פון האָלץ?
איינגענעם קאָפּ א באַמבע אונטערצולייגן,
טראָגן זיי די קעפּ דאַרטן געהויבן און שטאָלץ.

## ירושלים די שטאָט

מיט די 24 טויזנט תלמידים
רבי שמעון בר יוחאי פון מערה אַרויס,
זיי גייען קיין ירושלים די שטאָט,
די עשרה הרוגי מלכות פאַראויס.

מיליאָנען, מיליאָנען גייען אַנטקעגן,
די חבריא מקבל־פנים צוזיין,
צוזאַם מיט זיי איין חבריא קדושה,
אין דער הייליקער שטאָט אַריינצוגיין.



פון די מערות אַרויס און פון די בונקערס,
אין דער געהייליקטער שטאָט קומען זיי אָן,
עס איז צעוויקלט איבער זיי דער הימל,
איין פלאַם־פייערדיקע צעפלאַקערטע פאָן.

שטיל איז זייער טראָט, פאַרשוויגן זייער מויל,
צום הר המוריה זיי גייען אַרויף,
פון זיין טראָן, כביכול, נידערט גאָט אַראָפּ,
מאַיעסטעטיש קעניגלעך נעמט ער זיי אויף:

„יאָ, מיטן 'אל תשלח ידך אל הנער'
איז געהייליקט דאָ און געאייביקט די שטאָט,
הייליק און אייביק וועט זי ווייטער בלייבן,
ווייל וועלכע האַנט צוריקגעהאַלטן זיך האָט.

נישט צו קוילן צומאָל זיין בן יחיד קינד,
צו שחיטה פירט טאַטע זיין איינציקן זון,
נאָר אויף באַרג דאָ, אויפן הר המוריה,
אַן איינציק מאָל האָט עס א טאַטע געטון —"

שטיל דעם הר המוריה שטייען אַרום,
הייליק געבוינגענער פאַרשוויגענע קעפּ,
און ווי די בערג אַרום ירושלים,
זיינען זיי אין גאָטס טראָן די הייליקע טרעפּ.

---

## ד"ר יעקב י. מייטליס

## צייט - פּראָבלעמען

### שווערע טעג

עס זיינען איצט שווערע, וויסטע טעג פאַר אונז.
טעג פון זאָרג, פון פּיין און אימה.
עס ציטערט דאָס האַרץ אין שרעק־דערוואַרטונג, עס פיבערט דער מוח אין ספקות'דיקער האָפענונג.
עס דערמאָנט אונז יענע שווערע און טראַגישע פרילינג־טעג פון יאָר תש"ג, ווען עס זיינען געגאַנגען אונדזערע העלדן פון וואַרשעווער געטאָ אין פייער פון קאַמף אויף טויט און לעבן פאַר זייער און דעם כבוד פון פאָלק. אויך היינט ראַנגלט זיך בלוטיק דאָס יידישע פאָלק פאַר זיין רעכט זיך צו באַפרייען, אויסגעלייזט צו ווערן. עס איז דער המשך פון א דורות־אַלטן גבורה'דיקן קאַמף פאַר דעם קיום האומה. דער געראַנגל איז שווער, פאַרביסן און פאַרבונדן מיט שווערע אבידות. עס איז דער בלוטיקער גאַנג פון אונזער באַפרייאונג.

וואָס וועט זיין דער אויסגאַנג פון אונזער קרבנות־רייכן געראַנגל, ווי וועט ער זיך פאַרענדיקן?

* * *

פאַראַלעל מיט אונדזערן גייט אָן אַ וועלט־געראַנגל, אַ קאַמף צווישן וועלט־כוחות און וועלט־אידעאָלאָגיעס. די וועלט שפּאַלט זיך אין צוויי פיינדלעכע מחנות, וואָס דערווייל איז מען נאָך יוצא מיט בלויז קריגן זיך, איבערווערטלען, זיך פאַרטשעפּן מעשה קונדס און אָפּטון איינער דעם אַנדערן אויף טערקיש... ס'קען זיך אָבער מאַכן, אַז פון די איריטאַציעס און פּראָוואָקאַציעס קען אַ ליאַדע טאָג ווערן בלוטיקער ערנסט, קען ווערן וועלט־שגעון, וואָס וועט פאַרפלייצן די ערד מיט אַ נייעם מבול פון פייער און פאַרניכטונג.

די לופט איז פול מיט מיסטריען, מיט קנאה און שנאה. די פּראָפּאַגאַנדע מאַשין אַרבעט שוין אויף אַלע כלים. עס איז אַ מין „חדש ימינו כקדם", ווי נעכטן, אייערנעכטן. עס זיינען די זעלביקע גוזמאות, די זעלביקע ליגענס און רכילותן, וואָס עס האָבן ערשט נישט לאַנג אַזוי קונציק פאַרשפּרייט די נאַציסטישע גיפט־מישער. בייזע כוונות, חשדים זיינען פאַראַן לרוב. איינער האָט זיך פאַר דעם אַנדערן גאַרנישט וואָס צו שעמען. די מינדסטע זאַך רופט אַרויס מחלוקת, צעהיצט די געבליטן, פאַרטיפט די פאַרביטערונג און פאַרשאַרפט די אומרו. גרייט מען שוין צו די מענטשן פאַר דער קומענדיקער קאַטאַסטראָפע? וואַרט מען טאָקע אויף דעם פּאַסיקן מאָמענט, ווען די האַרמאַטן וועלן ווידער אַמאָל עפענען זייערע העלדזער און די באָמבערס זייערע מיילער און אָנהייבן שפּייען פייער און פאַרניכטונג איבער אַ צעשראָקענער, פאַרחלש'טער וועלט?

האָט די געשיכטע, העגעל'ס וועלטגייסט (אָדער אויב איר ווילט די השגחה) אין אַזאַ פאַל אויסגעקליבן דאָס פאָלק ישראל ווידער אַמאָל אויסצוטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די גרעסטע טראַגעדיע פון דער זיך פאַרניכטענדיקער מענטשהייט?

מאַכט נישט קיין טעות, אין אַ צעטיילטער, פונאַנדערגעריסענער און פיינדלעכער וועלט שטייען מיר. דאָס אייביק היימלאָזע פאָלק, ממש אויפן שאַרף פון שווערד, אויפן ראַנד פון אָפּגרונט. יעדער אומפאַרזיכטיקער רוק, יעטוועדער אומבאַרעכנטע באַוועגונג — און מיר פאַרלירן די באַלאַנס! ווי לייכט קען אונז אויסקומען צו פאַלן אויף דער שאַרף פון אָט דער אויסגעשטרעקטער אומה'דיקער שווערד?

אויב די מלוכות זיינען אויסן אויסצוטראָגן זייערע חשבונות און מיספאַרשטייעניש מיט פייער און בלוט, דעמאָלט שטייען מיר ייִדן, עלענטע, מיט אייגענע שוואַכע כוחות, צעריסן צווישן צוויי פיינדלעכע מחנות אָן אָנשפּאַר אין דער גרויסער וועלט. דעמאָלט קען חלילה דער פינצטערער גורל אויף אונז נגזר זיין, אַז מיר זאָלן צעריבן ווערן פון דעם קאַמף פון די וועלט־טיטאַנען. דעמאָלט איז פאַר אונז נישט פאַראַן קיין אַנטרינונג. מיר וועלן ווערן געקרייציקט אין נאָמען פון דער גרויסער שנאה, מיט וועלכער איין צד וועט ביז אויפ'ן טויט באַקעמפן דעם אַנדערן צד.



אַ נייע טאָטאַלע מלחמה קען פאַרענדיקן דאָס, וואָס היטלער און זיינע הענקערס האָבן אָנגעהויבן. די מענטשלעכע בעסטיע איז אַלץ נאָך נישט באַפרידיקט, נאָך אַלץ נישט זאַט, זי שרייט נאָך מער בלוט, נאָך גרעסערע און פילצאָליקערע קרבנות. זי זוכט, ווי דער שטייגער איז, אַ שעיר לעזאזל פאַר אירע מוראדיקע סדומישע זינד. גרייט זי טאָקע צו אַ נייעם קרייץ־צוג, וואָס זאָל איר אַפּנים העלפן זיך מטהר זיין פון דער שווערער טומאה.

זאָל ער זיך דאָסמאָל ווידער אָנהייבן אין ארץ־ישראל? זאָלן זיך אַלע פינצטערע כוחות פאַראייניקן אין דעם גרויסן „באַפרייאונג"־קריג (באַפרייאונג כדי צו פאַרשקלאַפן) קעגן אַלדאָס ליכטיקע און גוטע אין אונדזער לעבן, מיט אַ שיין פון הייליקער אויסראָטונג? ווי לייכט וועלן די רעאַקציאָנערע וועלט־כוחות אידענטיפיצירן ייִדישע שאַפערישע טאַט מיט דעם ווערק פון אַנטיקריסט, אויסטייטשן די גרויסע תשוקה פון ייִד צו גאולה, דעם קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט אַלס אַ קאָמוניסטישע מאַכערייקע!

שטייען שוין ווידער די הימלען אין מזל מאדים, באַווייזן זיך פון דאָסניי אויף זיי צייכענעס פון בלוט און פייער? זאָגן זיי אָן גאולה אָדער חלילה אונטערגאַנג?

און וואָס פאַר אַ תשובה וועט א"י קענען געבן אויף דער איצטיקער נויט?

## 2. קריזים

אורשפּרינגלעך, מקור'דיק־טיף און פילפאַכיק זיינען פון תמיד אָן געווען די דערהאַלטענדיקע, שאַפערישע כוחות פון פאָלק.

איז געקומען נאָך אַ שווערער קאַטאַסטראָפע אַ גייסטיקער קריזיס אין לעבן פון פאָלק, וואָס האָט אַלץ תהומות'דיק אויפגעציטערט, האָבן ספקות און יאוש־געפילן געדראָט צו אונטערמינירן זיין עקזיסטענץ, דעמאָלט זיינען אויסגעוואַקסן פון די טיפעניש פון פאָלקס־באָדן, יאָדערדיקע, יניקה־רייכע כוחות, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם פּראָצעס פון צעפאַלונג, פון אויפלייזונג און אים אָפּגעשטעלט. פון אומעטום האָבן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן נייע, שטאַרקע און דערהאַלטנדיקע כוחות, וואָס האָבן די בלויזן פאַרמאַכט, פאַרמויערט די ריסן און אַזוי אַרום געשטאַרקט דאָס פאָלק און צוגעגעבן אים בטחון און אמונה אין זיין קאַמף פאַר דעם קיום.

על פי רוב האָט אַזאַ גייסטיקער קריזיס געבראַכט מיט זיך אָן איבערוואַרטונג און אַ פאַרטיפונג פון די אייביקע פאָלק־ווערטן. פון חורבן איז אַרויסגעקומען בנין, פון דער קללה אַ ברכה.

די ייִדישע געשיכטע האָט אויפצעווייזן אַ סך אַזעלכע פלאַ'דיקע פענאָמענען. לאָמיר זיך קורץ אָפּשטעלן אויף צוויי פון זיי.

נעמט למשל דעם גירוש פון שפּאַניע אין סוף פון 15־טן יאָרהונדערט, אַ געשעעניש, וואָס האָט מיט זיין מורא'דיקייט אויפגערודערט ביז'ן דנאָ די דעמאָלסטיקע ייִדישע וועלט. איז אַלס ענטפער אויף די שווערע ליידן געקומען דער „זוהר". דאָס קלאַסישע ווערק פון דער קבלה מיט זיין אייגנאַרטיקן

מיסטישן וועלט־באַנעם, וואָס האָט יסודות'דיק טראַנספאָרמירט און באַאיינפלוסט דאָס יידישע לעבן איבער דער גאָרער וועלט אין די קומענדיקע יאָרהונדערטער. אַ צווייטער נישט ווייניק וויכטיקער פאַקטאָר אין דער תקופה נאָכ'ן גירוש איז דאָס באַוויזן זיך פון „שולחן ערוך" פון ר' יוסף קארו, וואָס האָט געבראַכט דאָס צעשאָטענע און צעשטויבטע ביסל לעבן נאָכן חורבן אין אַ ניי רעמל, געבנדיק דעם לעבן אַ פרישן אימפּולס און פעסטיקייט. דער „שולחן ערוך" איז בלי ספק געוואָרן איינער פון די עק־שטיינער אין דעם גרויסן, מעכטיקן בנין, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אויפגעשטעלט אין דער שפּעטערדיקער תקופה. ביידע, סיי דער „זוהר" און סיי דער „שולחן ערוך" זיינען געוואָרן די „עמודי התווך" פון יידנטום און געשפּילט אַן אַנטשיידענדיקע ראָליע אין זיין אַנטוויקלונג אין דער נאָך־שפּאַנישער פּעריאָדע.

נאָך די בלוטיקע יאָרן פון די גזירות ת"ח ות"ט (די כמיעלניצקי שחיטות) און דעם שווערן אינערלעכן קריזיס, וואָס ס'האָט אַרויסגערופן די דורגעפאַלענע שבתי־צבי־באַוועגונג, איז געקומען, אַלס רעאַקציע קעגן אויפלייזונג און ניהיליזם פון דער איינער זייט און דער אויסגעלערטקייט און פאַרשטיינערונג פון דעם רבנישן וועלט־באַנעם פון דער אַנדערער זייט, דער חסידיזם מיט זיין ברען און אינערלעכקייט, זיין פרייד צו לעבן (חדות החיים) און גאָטנאָענטשאַפט. דער בעל־שם טוב און זיינע תלמידים האָבן איבער נאַכט רעוואָלוציאָנירט דאָס יידישע לעבן מיט זייער גאולה־פאַרמעסט, נשמה־אויפברויז און דער איבערוואַרטונג פון אַ סך גילטיקע ווערטן. פון דער לעגענדאַרער בעל־שם־טוב פּערזענלעכקייט האָט געפלייצט ליכטיקייט און בטחון, וואַרעמקייט און שמחה, וואָס האָט אָנגעצונדן די הערצער פון די פשוטע יידן און זיי צעוואַרעמט. זיי צוריקגעגעבן זייער מענטשלעך יידישע צורה, דעם אמת'ן צלם אלקים.

אָט אַזוי האָט דאָס פאָלק אין אַ צייט פון גייסטיקער סכנה און קריזיס געהאַנדלט. עס האָט דעמאָלט פון זיך אַרויס געבוירן נייע לעבן זאַפטן, וואָס האָבן דערפרישט און געשטאַרקט זיינע וואָרצלען און זיי באַפרוכפּערט צו טראָגן פרישע, זאַפטיקע פירות.

ביי היינטיקן טאָג לעבן מיר איבער אַ קריזיס אין דער עקזיסטענץ פון פאָלק, וואָס האָט אפשר זיין גלייכן נישט אין דער יידישער געשיכטע. וואָס פאַר אַ וואונדער? זיינען דאָך געוואָרן די יסודות פון'ם פאָלקס־קיום אין די לעצטע יאָרן תהומות'דיק אויפגעטרייסלט. אַ גרויסער, וואָגיקער טייל פון פאָלק איז געוואָרן פאַרשניטן און מיט אים אַ שטיק צאַפּלעדיק אָרגאַניש יידיש לעבן. נאָך דעם מורא'דיקן אומקום איז ווי אַ שטורעם־ווינט אַדורך דאָס גאַנצע פאָלק אַן אויפברויז פון גאולה. די דערוואַרטונגען האָבן דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, די שפּאַנונג איז געווען גרויס, יעדער טאָג האָט געקאָנט ברענגען אַ סוף צו די ליידן און פּיין.

איז אָבער דער וועג פון אונזער באַפרייאונג אַ שטייניקער, אַ שווערער, אַ בסדר'דיקער באַרג־אַרויף. שטייט דאָס פאָלק אַן אויסגעשעפּט, אַ פאַר



חלש'ט, קוים דאָס חיות דערהאַלטן און קוקט אַרויס אויף אַ צייכן. וואַקסט די אומרו און דאָס הארץ איז פול מיט יסורים. מ'האָט זיך אָנגעשטויסן אין אַ גלייכגילטיקער, קאַלטער, אַכזריותדיקער וועלט, וואָס האָט פון די יידישע יסורים גאָרנישט אָפּגעלערנט און האַלט זיך נאָך אין איין שפּילן מיטן יידישן גורל.

שאַפט מען אַלץ נייע מכשולים, קומען אַלץ צו פרישע קאָמפּליקאַציעס. קען אַמאָל זיין, אַז דער חלום פון אויסלייזונג, פון מלכות ישראל קען דערווייל נישט ווערן פאַרווירקלעכט. עס קען גריילעך געמאָלט זיין, אַז ביי די איצטיקע פאַרענדערטע פּאָליטישע באַדינגונגען אין דער וועלט דרויסן, וועלן יידן מוזן וואַרטן מיט זייער האָפענונג (ווי לאַנג קען מען דאָס נאָך וואַרטן ?), אָפּליינגן איר רעאַליזאַציע. וועט דאָס פאָלק און בעקר די שארית הפליטה אין אייראָפּע קענען ביישטיין דעם נסיון, אויפהאַלטן דעם נר־תמיד פון גאולה און נישט אַריינפאַלן אין אַ יאוש ? און לאָמיר נישט מאַכן קיין טעות, אַנטוישונג, יאוש אין דער איצטיקער היסטאָרישער סיטואַציע קען באַדייטן גייסטיקער חורבן, דעסינטעגראַציע, אויפלייזונג.

וועלכע מקור'דיקע כוחות קען דאָס פאָלק היינט פון זיך אַרויסברענגען, וואָס זאָלן זיך קענען אַנטקעגנשטעלן און איינהאַלטן דעם ריס, מחזק זיין די שלמות פון דער אומה ? איז דער ציוניזם אין זיין היינטיקער פאָרם ביכולת צו זיין יענער אַנטשיידענדיקער פאַקטאָר אין דער דערהאַלטונג פון פאָלק און אים אָפּהיטן פון דעסינטעגראַציע, יאוש און צעפאַלונג.

מיר גלויבן, אַז יאָ. אָבער מיר מוזן זיין געוואָרנט און נישט דערלויבן תולה צו זיין די גאַנצע האָפענונג פון קיום פון פאָלק אויף דעם איינעם, שוואַכן פאָדים פון גאולה י ע צ ט, אין דער אָדער יענער געגעבענער פורעם. לאָמיר נישט פאַנעסן, אַז גאולה איז נישט נאָר אַ פּאָליטישער פּראָצעס, אַן ענין, וואָס איז דווקא אָפּהענגיק פון די שטימונגען און רצון פון די וועלט־מלוכות און זייערע אינטערעסן. גאולה, האָט מען אונז געלערנט, איז אַ לאַנגער, שווערער, נשמה'דיקער וועג, וואָס קען אַמאָל בעקיפין, אויף גאָר קרומע, הינטן־אַרום־וועגן פירן צום ציל. גאולה מיט אַ תנאי, נאָר אַזוי און נישט אַנדערש, קען אַמאָל גורם זיין גרויסע שאָדנס.

מ'מוז זיך שטאַרק היטן פאַר דעם קאַטאַסטראָפע־אַרגומענט: אויב עס געלינגט נישט שוין יעצט צו לייזן אונדזערע פּראָבלעמען, דעמאָלט איז כליה, פאַרניכטונג פון דעם גאַנצן פאָלק. הס מלהזכיר, מ'טאָר אַזעלכעס גאָרנישט איבערן מויל אַרויסברענגען! מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז דער יאוש זאָל זיך פאַרשפּרייטן אין אונדזער מחנה, אַז די האָפענונגען זאָלן זיך צו הויך פאַרמעסטן... און טאָמער גיט זיך אונדז דאָס אַלץ נישט איין, זאָל דאָס הייסן, אַז מיר גיבן זיך אונטער, אַז מיר הערן אויף צו קעמפן, הערן אויף צו עקזיסטירן אַלס אַ פאָלק ? ווילן מיר אַזוי אַרום עפענען טיר און טויער אי פאַר די שונאים פון דרויסן און אי פאַר אונדזערע פיינד, די אַסימילאַציע פון אינעווייניק ?

די פראגע פון א יידיש מלכות אין א"י טאר ביי קיין שום אופן אין דעם איצטיקן מאמענט נישט ווערן דער אנטשיידענער פארקטאר פון יידישן גורל. עס קען זיין, אז מיר וועלן אפשר נאך איצט דעם פלאן נישט קענען אדורכפירן, אז מיר וועלן מוזן ווארטן אויף א בעסערער פאליטישער קאנ־סטעלאציע. הייסט דאס, אז מיר מוזן זיך אפזאגן פון א"י, פון א קאמף פאר אונדזערע לעבנס־רעכט אומעטום, וואו מיר וואוינען, פאר דער דערהאלטונג פון דער יידישער איינצארטיקייט און דעם נישט נעבראכענעם לעבן־ווילן פון פאלק?

אוראי און אוראי נישט! מלכות ישראל איז בלי ספק א גרויסע, א וועלט־היסטארישע געשעעניש. אבער זי איז נאר א פורעם פון עקזיסטענץ און נישט די עקזיסטענץ גופא. מיר טארן זיך נישט דעם לוקסוס דערלויבן צו פארטומ־לען די מוחות און פארטונקלען דאס שוואכע ליכטל, וואס שיינט אין אונדזער קליין וועלטל. אדרבא, אונדזער אויפגאבע איז אויפצוקלערן, פארשפרייטן ליכט און אמת, אויפרודערן די הערצער, אז זיי זאלן נישט איינדרימלען, פלאנצן אמונה אין קיום פון פאלק און נישט דערלויבן קיין יאוש־און־חורבן שטימונגען.

עס איז נישט אונדזער לעצטער וועג. עס איז פאר אונדז נישט פארהאן קיין מסדה!

די וועלט־לאגע קען זיך ענדערן, פאליטישער קאנסטעלאציעס זיינען נישט אויף אייביק, זיי בייטן זיך און מיט זיי אויך אונדזערע אויסזיכטן.

עס וועלן זיך תמיד געפינען צווישן אונדז שוואכע, אונטערמינעוועטע, מענטשן, וואס האבן פארלוירן זייער אמונה, וואס גיבן אויף דעם קאמף און וואס וועלן פארלאזן אונדזערע רייען און אריבערגיין צו די שטארקערע, צו די פארפאלגער פון נעכטן. אבער דאס פאלק אלס גאנצעס? עס וועט ווייטער אנגיין, ווייטער לעבן און ווייטער עקזיסטירן, ווייל אזוי איז זיין רצון, דאס איז דער זין פון דער יידישער געשיכטע.

פון זיין מיט ארוים וועט דאס פאלק שאפן אזעלכע גייסטיקע קעגן־כוחות, וואס וועלן ווירקן קעגן דעם סם פון אפהענטיקייט, פון שוואכקייט און א פאליטיק פון „ענטוועדער־אדער". עס וועט העלפן אריבערקומען דעם איצטיקן קריזיס, וואס באדראט דעם עצם פון זיין קיום, פונקט אזוי, ווי עס האט נעטאן אין פריערדיקע דורות. ציוניזם, אין זיין שענסטער זעאונג, איז המשך פון דעם גרויסן, יארטויזנט־אלטן גאולה־חלום, און אלס אזעלכער וועט ער נאך שפילן זיין גרויסע היסטארישע אויפגאבע אין לעבן און אין דער צו־קונפט פון יידישן פאלק.

לאנדאן, 15־טער אפריל



חוה ראזענפארב

# א ברודער

פון אן אינדיש פאלקס־מעשה'לע

עס ווינט זיך די זון ווי א גאלדענער באלעם
אין הימלס צעהוידעטן גלאק.
אויף לייטערס נעהאפטן פון ליכטיקע שטראלן
קלעטערט דער טאג.

א הייליקער וואנדערער ליגט אויף די שטיינער,
אין שטויב דעם צעגליטן פון גאס.
א הייליקער וואנדערער תפילה'ט פארלוירן,
פארחלשט אין שטומען עקסטאז....

עס האבן שוין לאנג די שווארץ־סאמעט גארדינען
דאס הימלישע פענצטער פארמאכט.
אויף טעפיך נעהאפטן פון שטערן־רובינען
טרעט די פארשלייערטע נאכט.

א הייליקער וואנדערער ליגט אויף די שטיינער
פארחלשט אין בענקשאפט צו גאט.
א הייליקער וואנדערער קושט מיט די ליפן
דעם שטויב פון דער ליידיקער שטאט.

דורך פינצטערע טיפן, אין שאטנס באהאלטן
שארט זיך א גנב אהיים.
פארקנוילט זיך זיין טראט אן דעם הייליקנס מאנטל,
ביינט ער זיך איבער אים איין.

„— עך, האסטו נעהאט היינט א הארט שטיקל ארבעט.
ווען ביסט דא נעזונקען א מידער.
עס קאן דאך דער וועכטער אט באלד דיך דערזוישן
אין אפענעם וועג. א. מיין ברודער."

א הייליקער וואנדערער ליגט אויף די שטיינער
פארחלשט אין שטומען עקסטאז.
א הייליקער וואנדערער קושט מיט די ליפן
דעם שטויב פון דער ליידיקער גאס.

בײַ חושכע מויערן שלײַכט זיך אַ שיכור
און זינגט זײַן צעריסן געזאַנג.
פאַרקנוילט זיך זײַן טראָט אָן דעם הייליקנס מאַנטל
צעוויינט ער זיך הייזעריק און באַנג:

„— מײַן אָרעמער ברודער, דו ביסט אַ באַזויפטער
געפאַלן אין קויט דאָ אַרײַן.
נאָר זע, כאָטש געגאָרגלט כ'האָב טראָפּנס די זיסע,
דאָך טרעף איך נאָך הײַנט צו מײַן היים."

אַ הייליקער וואַנדערער ליגט אויף די שטיינער
אין שטומער התפּעלות אַנטציקט.
אַ הייליקער וואַנדערער בעטלט זײַן תּפילה
פאַרזונקען אין אייביקן גליק.

אין שטויבן פון ווײַטע מרחקים פאַרטונקען
אַ וואַנדערער שלײַכט בײַ די ווענט.
זעט ער דעם מאַן און די תּפילות פאַרזונקען — — —
האָט ער זײַן ברודער דערקענט.

„— אַ, חבר, ווי הייליק מוז זײַן דײַן פאַרגעסונג
און גאָט מוז דאָ זײַן אויף געוויס!"
לייגט ער זיך אויך נעבן אים אויף די שטיינער
און גלעט זײַנע באָרוועסע פיס....

פון וואָלקנס צעשויבערטע שטײַגט די לבֿנה
אַראָפּ צו דער ליידיקער גאַס.
זעט זי צוויי הייליקע וואַנדערער ליגן
פאַרחלשט אין שטומען עקסטאַז....


„דאָס ליד פון דעם ייִדישן קעלנער אבֿראָם"
די נײַע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפאַרב

צו באַקומען בײַ:
MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1
— פּרײַז 5/6 —

ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פרײַ.




ביטרים בעקערמאַן

## די ברידער פּלאַסקי

(אַ דערציילונג)

מיט אַ צײַט צוריק, בשעת איך האָב זיך אַרורכשפּאַצירט איבער ווײַט־טשעפּל ראָוד—מײַן ליבסטער שפּאַציר־פּלאַץ—האָב איך באַמערקט, מיר פאַר־אויס, אַ פיגור, אָנגעטאָן אין אַן אַנצוג, וואָס איז מיר געווען שטאַרק קענטליך. ס'איז געווען פון דעם מײַן אַנצוגן, וואָס, אַז מ'זעט אים נאָר איין מאָל, קען מען אים שוין מער נישט פאַרגעסן; אַ שטאָף פון גרויסע שוואַרצע און ווײַסע קעסטלעך, און אינדערמיט פון איטלעכן, אַ גרוי פּינטל.

שטענדיק פלעג איך זען דעם אייגנטימער פונם אַנצוג שפּאַצירן זיך, אַזוי פריילעך, מיט זײַן שטעקן, מיט וועלכן ער פלעגט פאָכן אין דער לופט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט באַשריבן מיט אים אַראַבעסקן, דעם קאָפּ הויך און דעם רוקן גראַד ווי אַ ווירע.

הײַנט, אָבער, איז זײַן רוקן געווען געבויגן; בײַ יעדן שריט, האָט ער דעם שטעקן פעסט אײַנגעדרוקט אין דעם פלאַסטער, און, בכלל, איז איבער דער גאַנצער פיגור געווען אויסגעגאָסן אַזאַ טרויעריקע אַטמאָספערע, אַז איך האָב אַזש נישט געהאַט דעם קוראַזש מיט אים אָנצוקניפּן אַ שמועס אויף דעם געוויינלעכן שטייגער, ווי איך בין עס תּמיד געווען געוואוינט.

סוף־כּל־סוף, האָב איך זיך אָנגענומען מוט, און פאַרזיכטיק זיך צו אים דערנענטערט. „אייבי פּלאַסקי", האָב איך אים אײַנגערוימט אין אויער, „וואָס האָט מיט דיר פּאַסירט?"

ער האָט זיך צו מיר אויסגעדרייט מיט אַ פאַר'דאגה'ט, טרויעריק פּנים. ס'האָט אַזש געדריקט בײַם האַרץ. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מאַן, פאַר העלטנישמעסיק יונג, ערשט אַ יאָר פערציק. ער האָט געהאַט אַ שיין פּרוכט געוועלבל, נישט ווײַט פון גרינפילד סטריט — נישקשה — מיט הוצאות ניש־דערוועגט־דערפון־צו־רעדן — קיין ווײַב צו דערנערן — און, אויף ווי ווײַט איך האָב געקענט זען, גאָרנישט, בכלל, וועגן וואָס צו דאגה'נען. און פונדעסטוועגן, האָבן מיר ביידע דאָ שפּאַצירט, אין אַ העלן שבת אין דער פרי, איבער דער שענסטער און ברייטסטער גאַס פון דער לאָנדאָנער איסט־ענד, און ער האָט אויסגעזען אַקוראַט ווי דער מלאך־המוות וואָלט אים געקלאַפּט אין די אויגן אַרײַן. ס'איז געווען אַזוי דערדריקענד.

האָב איך געזאָגט, מיט אַ ווייכן טאָן, האַלטנדיק אים בײַם אָרעם: „גיס אויס דײַן האַרץ פאַר דײַן פרײַנט".

ער האָט געוואָרפן אַ טרויעריקן בליק אין מײַן ריכטונג. אַז עס האָט געקלעמט בײַם האַרץ.

„רזשעק". האָט ער געזאָגט, מיט עפּעס אַ קול, וואָס האָט נישט געקלונגען ווי זײַנס — „רזשעק, ס'איז געשען אַ קאַטאַסטראָפע. כ'קען זיך נישט קיין עצה געבן. כ'בין ממש אין אַ פאַרלעגנהייט".

ער האט זיך ארומגעקוקט, א האפנונגסלאזער. „איך וואלט געגעבן א טויזנט פונט, אז ס'זאל נישט האבן קומען דערצו. כ'וואלט געגעבן —"

„אייבי", האב איך אים איבערגעריסן, „פילסטו זיך אפשר נישט מיט אלעמען?"

ער האט זיך פלוצים אפגעשטעלט אין מיטן גאס, אינגאנצן פארטומלט.

„נישט מיט אלעמען?" האט ער זיך צולאכט, מיט א הוילן קלאנג. „נישט מיט אלעמען! הלואי וואלט איך אינגאנצן געווען א טויטער!" הויבנדיק זיין האנט אין פארצווייפלונג, האט ער געקרעכצט: „און אזוינס האט געזאלט האבן פאסירט מיט מיר!"

„אויב עס איז עפעס מיטן מאגן, אייבי", האב איך געזאגט צו אים, „קען איך צופעליק א גוטן דאקטאר —"

ער האט מיר צוגעווארפן אן אייז־קאלטן בליק.

„עפעס מיטן מאגן, אידיאט, וואס דו ביסט! ס'איז ערגער ווי מאגן חולאת".

„אוי, וואס איז עס דען?" האב איך געפרעגט, געדולדיק, טראץ מיין שטייגענדער נייגעריקייט.

א ווײלע האט ער געזוימט, מסתמא זיך מיישב געווען וועגן עפעס. דאן, מיט א בליק פון יאוש, האט ער אריינגעשטעקט די האנט אין זיינע פול־אנגעשטאפטע טאשן און ארויסגענומען א שטארק באפינגערטן בריוו.

„אט דאס איז די גאנצע צרה, נעם און לייען עס", האט ער געקרעכצט.

מיר זיינען געשטאנען אין א טויער פון א דאמען־הוטן געשעפט. דער בריוו איז געווען געשריבן פון ניו־יארק און דאס איז געווען זיין טעקסט:

„מיין טייערער ברודער אייבי,

„ווען דו וועסט האבן דערהאלטן דעם בריוו, וועל איך זיך שוין געפינען אויפן וועג צו דיר איבערן אקעאן. איך פאר מיט דער שיף „ווערימאניא", און וועל, מיט מזל, אנקומען אין ענגלאנד דעם 16־טן.

„ענדלעך, טייערער ברודער, וועלן מיר זיך ווידער זען. איך קען שוין נישט דערווארטן דעם טאג. מיר דוכט זיך, עס מוז שוין זיין איצט א יאר צוואנציק, זייט מיר האבן באשלאסן, אין פינסק, צו זוכן אונזער גליק, א יעדער אין אן אנדער לאנד; דו אין ענגלאנד און איך אין אמעריקע. און איך פריי מיך וואס מיר האבן מצליח געווען, און יעדער אנגעזאמלט א מאיאנטעק.

„קענסט מיר גלויבן אז עס איז מיר נישט געווען גרינג זיך אפצורייסן פון מיינע אנטיקן, און, אחוץ דעם, די אנטיקן־זאמלער וואס האלטן מיך אין איין קלינגען בנוגע ערשטע אויסגאבן און בילדער; איך האב אזש נישט געוואוסט וואס צו טאן. דאך, איך האב פשוט געמוזט דיך זען. אלע אראנזשירונגען, בנוגע מיין אויפהאלט אין לאנדאן, לאז איך איבער צו דיר.

„דיין, דיך ליבנדער ברודער,

יאזעף".



מילא, כ'וואלט נישט געווען אויפריכטיק, ווען איך וואלט זאגן אז דער דאזיקער בריוו האט מיך נישט געפלעפט. זיכער האב איך שוין געהערט פון „רושאזעף דע פלעסי" — דאס איז דער נאמען אונטער וועלכן יאסל פלאסקי איז געווען באקאנט — און איך האב אויך געהערט אז ער איז געווען א רייכער אנטיקן־זאמלער; אבער אז יאסל האט געזאלט גלויבן, אז אייבי איז א רייכער מאן, האט מיך דערשטוינט.

ווי קען אזא זאך געמאלט זיין, אז קוים א טאג פריער האב איך געפרוווט פארקויפן אים א בילעט פאר א קאנצערט לטובת די היברו קלאסעס, ווען ער האט מיר געזאגט אז ער קען עס זיך נישט פארגינען. מילא, איך וויל וועגן דעם נישט מער רעדן. כ'האב צוזאמענגעקניטשט דעם בריוו און אים צוריק דערלאנגט אין האנט אריין.

„נו", האט דאן אייבי געזאגט צו מיר.

„נו", האב איך געענטפערט. „גאנץ פיין, כ'וואלט וועלן אליין האבן אזא רייכן ברודער ווי יאסל. ער זאל קומען מיך זען. כ'וואלט שוין וויסן וואס צו טון!"

אייבי, נעבעך, איז פארגאנגען אין צער.

„אבער, זעסט דו דען נישט וואס עס טוט זיך דא", האט ער זיך געווערגט, „יאסל מיינט דאך אז איך בין אן אנגעזעהענער מענטש, מיט הייזער אין שטאדט און אויפן לאנד, א גלענצענד געשעפט — און נאך אנדערע זאכן".

דא האב איך שוין געזען אז איינער האט געבלאפט.

„דאס קענסטו אים שוין אלץ אויפקלערן ווען דו וועסט אים זען, ס'איז פון די לייכטע זאכן. אבער ווי קומט עס, ער זאל האבן אזא פארשטעלונג וועגן דיר?" האב איך נייגעריק געפרעגט.

דעמאלט האבן מיר שפאצירט אין דער ריכטונג פון גרינפילד סטריט, וואו עס איז געשטאנען אייבי'ס געוועלב. כ'קען דיר זאגן אז איך בין דערשיטערט געווארן, דערזעענדיק דאס געוועלב ווינם. אנשטאט די געוועגלעכע נעטאקטע בערנלעך גלאנצנדיקע פרוכט, הינטער די שויבפענסטער, פאמעראנצן, עפל און נוס, זענען געלעגן אדורכגעמישט. און אנשטאט דער מעשענער שילד מיט זיין נאמען שיינענדיק אין דער העלער זון, האט מ'ן די אותיות קוים געקענט דערקענען.

אייבי האט געעפנט די טיר פונם געשעפט, און א ריח פון פארזיילטע קארטאפל, וואס זענען געלעגן אין א ווינקל, האבן פארכאפט דעם אטעם. קיינמאל האב איך נישט געזען זיין געשעפט אין אזא פארנאכלעסיגטן מעמד.

עפעס האט מען דא שוין געמוזט טון; האב איך מיך גענומען אים אויספוסר'ן. „אייבי", האב איך אנגעהויבן אין א שטרענגן טאן, „וואס איז מיט דיר געווארן. דו לאזט דיין געוועלב אויף הפקר. צי רעכנסטו, אז ווייל דיין ברודער קומט אהער, ברויכסטו שוין נישט מער צו ארבעטן?"

מיר זענען, פארשטייט זיך, געווען אלטע פריינט; און וואס איינער

האָט געזאָגט דעם אַנדערן. האָט מען דערויף נישט שטאַרק מקפיד געווען. דאָס מאָל אָבער, האָבן מיינע רייד אויף אים גאָר קיין רושם נישט געמאַכט. ער האָט אפילו נישט געענטפערט.

מיר זענען דאַן אַריין אין דער שטוב. נעבן דער „שאַפּקע". דאָ האָב איך באַשלאָסן זיך מיט אים גוט אָדורכרעדן. אייבי איז אַריינגעזונקען אין אַן אַלטן שטול און איך האָב זיך געזעצט אויף אַן עק פון דעם טיש. אַ פּאָר מינוט האָט קיינער קיין וואָרט נישט גערעדט.

„אייבי", האָב איך דאַן אַרויסגעפּלאַצט, „כ'וויל דיר העלפן. פאַרציייל מיר די גאַנצע מעשה און אויב דו האָסט פאַרקאָכט אַ קאַשע, וועל איך פּרווון ווידער גוט מאַכן".

אַ האָפענונגס־שטראַל האָט אויפגעלויכטן זיין פּנים. ער האָט אַ ווײַלע געזוימט, אַ שטיינער ווי ער וואָלט זיך ערשט מיישב געווען, און דאַן האָט ער אָנגעהויבן מיר פאַרציילן אַ מאָדנע מעשה.

פאַר צוואַנציק יאָר צוריק, אײדער זיי האָבן זיך געשיידט, אין פּינסק, יאָסל צו פאָרן קיין אַמעריקע און אייבי קיין ענגלאַנד, האָבן זיי יעדער, זיך פאַרגענומען איבערצוזאָגן איינער דעם אַנדערן אין רייכקייט און אָנזען.

אין אַ שיינעם טאָג, האָט יאָסל, זייענדיק שוין אין אַמעריקע, געשריבן אַ בריוו צו אייבין, מאָלנדיק, אין רייכע פאַרבן, זיין גרויס עשירות. וואָס איז אייבי'ן דאַן איבערגעבליבן אַנדערש ווי אויך צוריקשרייבן אַ בריוו, און אים ווייזן אַז ער איז געשטיגן אַ שטאַפּל העכער ווי זיין ברודער. אין דער אמתן האָט דאַן אייבי געשטופּט אַ „בערע" אין ספּיטאַלפּילד מאַרקעט.

„איך האָב געקויפט אַ גרויס געשעפט אויפן פּרוכט־פּלאַץ — האָט ער געשריבן — און מ'רופט מיך שוין „דער באַנאַנען קעניג".

אייבי נעבעך, ווען ער וואָלט דעמאָלט געקענט זיך פאַרגינען צו קויפן בלויז אַביסל פּרוכט, וואָלט ער זיך געשעצט גליקלעך.

אויף דעם איז געקומען אַ צווייטער בריוו פון אַמעריקע.

„איך האָב איצט איבערגענומען אַ באַקאַנטע קונסט־גאַלעריע און האָב געענדערט מיין נאָמען אויף דזשאָזעף דע פּלעסי", האָט יאָסל געשריבן, „אָבער זיי אַזוי גוט און שרייב צו מיר ווייטער אויף מיין אַלטן נאָמען".

דאָס אַלצדינג האָט געמאַכט אַ רושם אויף אייבי. ער, בלויז אַ וועגעלע־שטופּער, און זיין ברודער האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע שטופע. פאַרשטייט זיך, ער האָט נישט געהאַט קיין קנאה אויף זיין איינציקן ברודער. ער האָט זיך נאָר געקרענקט צוליב זיין אייגענער לאַ־יצלח'דיקייט.

„איך האָב אָפּגעקויפט די גאַנצע ליפערונג פון באַנאַנען אין דער קאַנאַרי אינזל", האָט ער געענטפערט יאָסלען...

און אַזוי האָבן זיך די בריוו געיאָגט איינער דעם אַנדערן איבערן אָקעאַן, יעדן חודש, די גוזמאות ווערנדיק פאַנטאַסטישער מיט יעדערער נסיעה.

איך האָב געהאַט אַ קנאַפּע ידיעה מכח דער באַדייטונג פון אייבי'ס שרייענדיקער קליידונג — העלע געקעסטלטע אַנצוגן, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט



ס'איז אַ מייל פונדערווייטנס. מילא, איך, וואָס כ'האָב אַ שטיקל ידיעה אין עניני־הפּסיכאָלאָגיע, איז מיר איצט די גאַנצע זאַך פּלוצים קלאָר געוואָרן. אַ רחמנות אויף אייבין, נעבעך.

אָבער, די זאַך מוז דאָך אַמאָל מיאוס אויסלאָזן, אויב מ'וועט ניט באַצייטנס עפּעס טון דערצו.

אייבי איז געזעסן אין זיין אָנלען־שטול אַ פאַרצווייפלטער, נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט מיטן פאַרציילן די מעשה. בלייספּק, ער האָט געהאַנדלט ווי אַן אָפּגעריסענער נאַר, און איך האָב עס אים אויך געזאָגט, אָבער איצט האָט מוסר זאָגן נישט געהאַט קיין צוועק.

פּלוצים, בין איך געפאַלן אויף אַ המצאה.

„אייבי", האָב איך געגעבן אַ געשריי אויס. „וויפיל געלט האָסטו אין דער באַנק?"

ער איז באַלד אויפגעשפּרונגען פון זיין אָנלען־שטול ווי אַ בליץ.

„וואָס איז עס דיין פאַרשעוואַטע עסק?" האָט ער אַ פרעג געטון, אַ צוקאָכטער.

„געלאַסן, אייבי", האָב איך ווייך געענטפערט, „וואָלסטו עפּעס דער־פאַר געגעבן אַז דיין ברודער זאָל ווייטער מיינען אַז דו ביסט נישט אַבי־וועער — אַזוי ווי דו האָסט דיך פאַר אים פאָרגעשטעלט?"

ער האָט זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין זיין אָנלען־שטול.

„יאָ, האָט ער געענטפערט, מיט אַ שטיל קול, „איך וואָלט מיך געלאָזט אַ סך קאָסטן דערפאַר".

„אויב אַזוי, ברודער טייערער, האָב איך אַ פּלאַן. כ'וועל דיך, דו וועסט נישט אָפּקומען בזול, אָבער אַז דו וועסט פאָלגן מיין עצה וועסטו קיין גרויסן שאָדן נישט האָבן".

און, ביי אונז זאָל עס בלייבן, איך האָב געהאַלטן מיין פּלאַן פאַר אַ גאָר וואַזשנעם.

אַ פּאָר טעג שפּעטער, האָבן מיר שוין געוואוינט אין איינעם פון די גרעסטע וועסט־ענדער האָטעלס, מיט אַ געדונגענעם דיימלער אויטאָמאָביל און שאָפער צו אונזער דיספּאָזיציע. און ס'האָט אונז נישט לאַנג גענומען זיך צוצוגעוואוינען צום האָטעל־לעבן.

וואָס איז דאָ מאַריך צו זיין, דער גרויסער טאָג איז געקומען, און אייבי און איך זענען מיר צוזאַמען מיטן אויטאָ אַראָפּגעפאָרן קיין סאַוטהעמפּ־טאָן אָפּוואַרטן די שיף. דזשאָזעף דע פּלעסי, אין אויסזען, איז געווען אַ צווייטער עקזעמפּלאַר פון זיין ברודער. כ'מוז מודה זיין אַז איך בין געווען אַביסל ענטוישט, ווייל איך האָב, וואָס אַן אמת, גערעכנט צו באַגעגענען אַ גרעסערע פּערזענלעכקייט.

אין דער ערשטער מינוט, זענען די ביידע ברידער געווען אַביסל נער־וועז און האָבן די גאַנצע צייט ליבערשט גערעדט וועגן די אַלטע צייטן אין פּינסק, ווי מכח זייער קעגנוואַרט. וואָלט אייבי נישט געווען אַזאַ גוטער

פּריינט, וואָלט איך אַ גרויסע הנאה געהאַט פונם גאַנצן פּורים־שפּיל. דאָ אָבער, האָבן מיך די אויסריידן און תירוצים פון אייבי׳ן, ווען יאָסל האָט אים צוגעדריקט צו דער וואַנט מיט זיינע פראַגן, געמאַכט פילן אַביסל אומבאַקוועם.

דעם דריטן טאָג נאָך זיין אָנקומען, האָט יאָסל געזאָגט:

„אייבי, כ׳וואָלט וועלן אַמאָל זען דיינע ביזנעס“.

דעם פאַרלאַנג האָבן מיר דערוואַרט און געווען געפּאַסט דערויף.

„אָ“, האָט אים אייבי געענטפערט, שפּילעוודיק, „איך האָב מיך שוין לאַנג צוריקגעצויגן פון מיינע געשעפטן — אַלצדינג פאַרקויפט שוין עטלעכע וואָכן — ס׳הויז אין דער שטאָט, ס׳הויז אויפן לאַנד — אַלצדינג. איך בין ליבערשט אַ פרייער פויגל“.

און, אַזוי זיך, דרך־אגב, האָט ער נאָך מוסיף געווען: „אָבער, צוליב סענטימענט האָב איך זיך איבערגעלאָזט אַ קליין געוועלבל פון פּרוכט אין דער איסט־ענד, און, טיילמאָל, ווען איך בין מיד פון דעם אַלעמען, גיי איך מיר דאָרט אַריין אין מיין שאַפּקע און פאַרקויף אַ פונט עפּל, פּאָר זעקס־פּעני פּאָמעראַנצן. און דאָס מאַכט מיך פילן אַ שטייגער כ׳וואָלט פאַרדינט אַן ערלעכן גראָשן... כאַ־כאַ!“

ווי זיי האָבן זיך דאָס הילכיק צעלאַכט וועגן דעם דאָזיקן סענטימענטאַלן צוג אין דער נאַטור פון אייבי פלאָסקי, דער דעמיסיאָנירטער, באַנאַנען־קעניג.

מיר זיינען שוין אַזוי געזעסן אין האָטעל איבער אַ וואָך, און ס׳האָט אויסגעקוקט ווי צו יאָסל׳ס וויזיט אין ענגלאַנד וואָלט גאָר קיין עק נישט געקומען. מיר האָבן שוין געהאַט געזען אַלע טשעקאָווע פּלעצער און טעאַטערס אַלע צוזאַמען, און יאָסל האָט זיך גאָר שטאַרק אַמוזירט.

ער איז געווען אַ וואָוילער יאַט. קיינמאָל האָט ער זיך נישט באַריימט מיטן אַרויסווייזן זיין בקיאות אין קונסט־זאַכן, בשעת מיר פלעגן אים צו־פירן צו די פאַרשידענע קונסט־גאַלעריעס... אָבער, צום סוף האָט מיר שוין אָנגעהויבן באַנג טון. מיט אַזעלכע גרויסע הוצאות מוזן מיר באַלד גיין באַנ־קראָט, און איך אַליין האָב אים דאָך אויך אָפּגעגעסן בחינם׳דיקע קעסט.

באַלד איז אָבער די גאַנצע מעשה געפּלאַצט, גיכער ווי איך האָב גערעכנט. אייבי האָט געהאַלטן אין מיטן צוגרייטן אַ פּראָגראַם פאַר צומאָרגנס, גראָד ווען ס׳איז אונז שוין אַרויסגעקראָכן ביים האַלז דאָס כסדר׳דיקע אַרומ־פאָרן איבער די לאָנדאָנער גאַסן, זיך צו אַמוזירן.

דאָ קענט איר זיך פאָרשטעלן אונזער איבעראַשונג ווען יאָסל האָט פּלוצים אַ מאַך אָוועקגעגעבן מיט דער האַנט, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן רעדן מכח אַ פרישן פּראָגראַם.

„כ׳וויל שוין אַמאָל צוגיין צו דיין פּרוכט־געוועלבל“, האָט יאָסל זיך איינגעשפּאַרט.

אויב אייבי איז דערשראָקן געוואָרן פון די דאָזיקע ווערטער, האָט ער עס אָבער, בשעת־מעשה, נישט אַרויסגעוויזן. איך האָב, וואָס אַן אמת, גע־



פראַוווט יאָסלען אָפּצורעדן פון דעם. אָבער ער האָט עס דווקא געוואָלט.

צומאָרגנס באַגינען בין איך שנעל צוגעלאָפן צו דער „שאַפּקע“, אַביסל אויפגערוימט דעם מושב, אָפּגעקויפט אַביסל סחורה אין דער דערבייאיקער שאָפּ, און אָפּגעוואַרט ס׳אָנקומען פון די צוויי ברידער.

כ׳דערמאָן זיך נאָך די סצענע, אַשטייגער עס וואָלט ערשט פּאַסירט נעכטן. ביידע גייען זיי אַראָפּ פונם דיימלער אויטאָ, צוערשט יאָסל, און דער־נאָך אייבי, ווי אַ שאָף צו דער שחיטה; די שכנים שטייען ביי די טירן אין גרופּקעלעך און, נאַפּנדיק מיט נייגיר אויף דעם אומגעריכטן, צערעמאָניאַלן אומקערן זיך פון אייבי פלאָסקי. איך באַמערק ווי יאָסל קוקט זיך אַרום אי־בערן געוועלבל, אַ שטייגער ווי עס וואָלט ביי אים שטאַרק אויסגענומען. דאָן האָבן זיך די קונים אַ לאָז געטון, יעדערער פּרעגנדיק ווו איז מר. פלאָסקי גע־ווען די גאַנצע צייט. אַזאַ לייזונג האָט דאָס געוועלב נאָך קיינמאָל פריער נישט געזען! מיט וואָס פאַר אַ הנאה דזשאָזעף דע פּלעסי לייגט דאָס צו אַ האַנט! מיט וואָס פאַר אַ קענטיק פאַרגעניגן ער ווענט דאָס אָפּ די פּרוכט און גרינצייג!

אַרום אָוונט־צייט, נאָך אונזער שווערער אַרבעט, זעצן מיר זיך אַוועק, אין דעם קליינעם חדר, הינטער דער טאַשעוואַניע, און לאָזן זיך אַריין אין אַ שמועס. דאָס האָטעל קוקט איצט אויס פאַר אונז ווי אַ ווייטער מרחק. אין דעם דאָזיקן קליינעם חדר, מיר פילן זיך באַקוועם און היימישלעך, און דער געשפּאַנטער צושטאַנד פון אונזערע באַמיאונגען, לעצטע וואָך, איז פאַר־שוווּנדן, אויף ווי ווייט עס איז מיר נוגע מיר און אייבי׳ן. ביי יאָסלען, אָבער, זעט אויס איז נאָך עפּעס אויף דער לונג.

פּלוצים, מיט אַ האַסטיקן בליק אויף מיר, און אַ שאַרפן איינאָטעמען פון לופט, האָט ער אָנגעהויבן, מיט אַ שווער האַרץ: „אייבי, איך האָב דיך עפּעס צו פרעגן“.

באַלד, האָב איך זיך אויפגעשטעלט פון מיין פּלאַץ, און צוגעגאַנגען צו דער טיר. ער האָט מיך אָפּגעשטעלט.

„כ׳בעט איך, בלייבט“, זאָגט ער צו מיר. „מאַכט נישט אויס, איר מעגט אויך דאָס אַלץ וויסן“.

איך זעץ מיך צוריק אויף מיין פּלאַץ.

ער זאָגט דאַן: „אייבי, וואָלסטו געוואָלט מיר פאַרקויפן דיין גע־וועלבל??

„וואָס?“ שרייט אויס אייבי, ווי אַ דונער וואָלט אים געטראָפן. „וואָס?“

איך קען קוים איינהאַלטן מיין האַסטיקן אָטעם.

„ווייסטו, אייבי“, זאָגט ער דאַן ווייטער, „איך בין שטענדיק געווען אַ באַרימער. די אַלע יאָרן האָב איך דיר געשריבן שקרים מכח מיינע דערפאָלגן, וואָס זענען קיינמאָל נישט אמת געווען. אַפּנים, איך האָב געהאַט אַביסל קנאה, ווען איך האָב געהערט ווי דו ביסט מצליח, און ווי איך האָב נאָר אָנ־געהויבן שרייבן אַזעלכע ליגנס, האָב איך מער נישט געקענט אָפּהאַקן. מיט

דער צייט ווערט מען אריינגעצויגן. כ׳האָב שוין באַלד אַליין אָנגעהויבן גלויבן אַלצדינג וואָס איך האָב דיר געשריבן".
זיין קול איז געוואָרן אַביסל הייזעריק.
„איך בין אין דער אמת׳ן אַ לאַ־יצלח׳ניק. און איך בין דאָ אַהערגעקו-מען, אייגנטלעך, דיך בעטן זאָלסט מיר געבן אַ דזשאָב".
כ׳בין דאָרט נאָך גענוג לאַנג געבליבן, צו באַמערקן אַ מאָדנעם, און אומ־פאַרגעסלעכן, בליק אויף אייבים פנים. דערנאָך האָב איך מיך פון דאָרט אַרויסגע׳גנב׳עט.
דאָס קליינע פּרוכט־געוועלבל אין גרינפילד סטריט שטייט נאָך הײַנט־צו־טאָג. און דער נאָמען אויף דער שילד איז שוין לאַנג געענדערט אויף: „בראָטהערס פלאָסקי".

(איבערגעזעצט פון ענגליש: נ.ש.)

מיט דער פריינטלעכער דערלויבעניש פון „אַרט און עדוקיישאַנאַל פּאַבלישערס לטד."

---

## יצחק ווינער (עסטרייך)

### פרילינג אין עסטרייך

שיין איז די געגנט אין באַרגיקן עסטרייך,
אויף אַלפּישע שפּיצן זיך גרינען די ביימער.
ווי וואָלט די נשמה געקוויקט זיך, געוואַקסן —
ווען קענען ס׳זאָל האַרץ מיינס נאָך בענקען און טרוימען.

דאָ קומען טוריסטן נאָט׳ס שיינקייט באַקוקן,
דיין לאַנדשאַפט איז רייצנד מיט בערג און מיט טאָלן.
צו מיר אָבער בליקן פון הויכן און פלאַכן
פאַרפייניקטע יידן פון טויזנטער קברים.

פרילינג אין עסטרייך, אין טאָלן צעבליטע
באָדן זיך שטיבער אין זוניקע פאַרבן.
שימערט די זון דאָ? ס׳איז בלוט פון מיין אומה!
פאַרזייט איז די ערד דאָ מיט אונדזערע שאַרבנס.

ווידער איז פרילינג אין עסטרייכ׳ס מדינה,
אויף אַלפּישע שפּיצן זיך גרינען די ביימער.
ווי וואָלט די נשמה געפרייט זיך, געוואַקסן —
ווען קענען ס׳זאָל האַרץ מיינס כאָטש בענקען, כאָטש טרוימען — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דאָך כ׳וועל נישט פאַרברעכן די הענט אין פאַרצווייפלונג,
נישט ווענדן די אויגן צום אָפּגרונט דעם שוואַרצן.
פאַרוואַקסן מיט דורות פון געטאָ און שייטער,
וועל איך אויך טראָגן זייער גלויבן אין האַרצן!



## א. ר. סען

צו סילי שוואַרץ יאַמפּאָלסקי — פאַלען.

### 1.
### דער ערשטער טריט

ווי ליבלעך געבליט האָבן בלומען,
ווי גאָלדן געשיינט האָט די זון
אין בלויען פּרוכת פון הימל,
ווי שיין, אַך ווי שיין ס׳איז געווען.

נור דו האָסט דעם צויבער צוטריבן
מיט דיינע, אוי, אייגענע הענט.
אַליין דעם פּרוכת צעריסן
וואָס האָט דיך מיט שיינען געבלענדט.

געחלומט זיך דיר האָבן הימלען
פיל שענער פון דיינע אַצינד,
ס׳האָבן פינסטערע נעכט דיר געפליסטערט
פון טיפערע, גרעסערע זינד.

און דו האָסט געמיינט זיי געפינען, —
דער טריט איז געוואָרן געמאַכט —
און — טויט איז די ליבליכע שיינקייט,
פאַרשוועכט איז די הייליקע פּראַכט.

לאָנדאָן.

### 2.
### אויפן הייליקן אָרט

ס׳טראָגט זיך אַ ווינטעל אַ קאַלטער.
און שטיל איז אויפן הייליקן אָרט...
אַ קבר פאַר מיר ליגט אָן אַלטער. —
אוי זאָג, וועמעס קבר איז דאָרט?

ס׳שווייגט די מצבה די טויטע.
דאָס ווינטל נור פליסטערט מיר צו:
שוויינ שטיל און בלייב שטומען, דו שוטה,
שטער נים די אייביקע רו.

פאַל ביי דעם שטיין אויף דיין קני
און בוק זיך מיט ערן געפיל.
דאַן אויף! און ריים זיך אַ קריעה,
און זאָג אָפּ אַ קדיש גאַנץ שטיל.

א ווײלע דאַן שטײ, און זיך רירן,
א טרער אונבאַמערקט װעט אַװעק,
און — — — גײ װו דײן גורל װיל פירן
דײן לעצטן פאַרדאָרנטן װעג.

דען דאָ האָט דײן יוגנט געבליט,
פאַרװעלקט ליגט עס אונטער דעם שטײן:
דו האָסט אומבאַװוסט זיך געקניט
אויף דײן אײגענעם קבר אלײן.

יאָ, און מיט דיר דאָ באַגראָבן
ליגט אויך דײן אַמאָליגעם גליק.
װאָס אײנמאָל באַשײנט נור דאָס לעבן —
און קומט ניט מער קײנמאָל צוריק.

סוואַנזי.

---

## ש. זאַלקין

### טויבן צװײ

קוש איך צערטלעך מײן געליבטע
װי די װײסע טויבן צװײ
הער איך װי מלאכים זינגען
אין הימל ליבט מען זיך אַזױ.

בײ מײן פענצטער שטײען טויבן
שײנע װײסינקע װי שנײ
און זײ קושן זיך און װאָרקען
קוש דײן ליבסטע אויך אַזױ.

### אין פרילינג

עס דאַכט זיך עס זינגט װער פון לעבן געזאַנגען
מיט זיסן מעלאָדישן קול
און רופט מיך אויף װען װו איך בין געגאַנגען
אין שטראַלענדען פרילינג אַמאָל.

און דאָרטן צו שפּינען די אײביקע טרוימען
פון פרילינג פון ליבע און לוסט
און פלעכטן א קראַנץ פון די רויטינגסטע בלומען
און צירן א ליבענדע ברוסט.

נאָר פּלוצים פון הויכע פון אור־אַלטע בוימער
עס האָט זיך װער הילכיק צעלאַכט
װאָס טרוימסטו פון ליבע דען װילסטו זײן אײנער
ניט אַלט זײן און װערן פאַרשװאַכט.



## צו דער פרילינג אויסשטעלונג אין „בן-אורי“

I

מסתמא איז עס דערפאַר, װײל, מיר פרײנט פון יידיש לשון, גײען דאָרט אָן אין די לעצטע 8־9 חדשים מיט אונזערע יידיש־ליטעראַרישע אָװנטן, דער־פאַר איז מיר די הײ־יאָריקע פרילינג־אויסשטעלונג נאָענטער און הײמישער. אפנים, װען אַרום דיר הענגען די בילדער פון די אַלט יידישע מײסטער, װי איזראַעלס און פּיסאַראָ, סאָלאָמאָן און הירשנבערג און פון די נײע, מײסטער אונזערע װי מאַרק שאַגאַל און חיים סוטין, מאָדעליאַני און מאַנע קאַץ און צענדליקער בילדער פון אײנענע און הײמישע יידישע קינסטלער, כן ירבו. װען



דער פידל־שפּילער — פון מאַני קאַץ

דו רעדסט איבערן יידישן פאָלקלאָר און פאָלקס־ליד, איבער מענדעלע, שלום־עליכם און פרץ, איבער פרוגן, יהואש און ראָזענפעלד, ווערן דיינע ווערטער עפּעס פאַרביקער, בילדלעכער, און די הענגענדיקע בילדער אַרום אויף די ווענט זעט מען דעמלט אויך, אפנים, אין אַ גאַנץ אַנדערן קאָליר — זיי נעמען ריידן צו דיר מיט אַ יידישלעכן לשון!

II

דער שקלא וטריא: צי איז פאַראַן אַ יידישע קונסט? איז דעמלט פאַר דיר אַ הלכה למעשה; עס איז נישט מער אַ פלפול אין דער הוילער לופט, מיטן כסדרדיקן טאַמער פאַרקערט. נישט אין ליידיקן רוים, אינם וואַקוואָום פון הוילע ווענט, צווישן פאַרביקע רעמענזיעס אויף נאַקעטע לייוונטן בלאַנקען אַרום דיינע זוכנדיקע אויגן — ווי אין פרצ'עס ביאַלער רבנ'ס אַ סוכה וואָלסט דו דאַמלט געזעסן, די שוואַכע ווענטלעך אַרומגעהאַנגען מיט טעפּיכער און טערקישע טיכער און פונם גרינעם סכך אַראָפּ, פונם „חמתה מרובה מצלתה"! — פונם זוניק צעשאָטנטן אונטערגרונט, הענגען אַראָפּ די הערלעכע נוי־סוכה — — — און פונם עמק הבכא אַרויס, — פון מענדעלעס, — זינגט עס דיר דער הבן יקיר לי אפרים און ס'גאַנצע יידישע געסל ליגט אין די פענסטער מיט שטראַלנדיקע פנימער — — — — — — —

און יעדעם בילד, וואָס קוקט צו דיר אַראָפּ, איז דיר היימיש און נאָנט. איינס ווייל ס'איז דיר באמת נאָנט, און ס'דערנענטערט דיך צו עפּעס ווייטס און אומענדלעכעס; אַ צווייטס, ווייל דער מאָלער איז דיר היימיש, און אין זיין אַרבעט דערזעסט דו זיין מהות, זיין ערלעכקייט און ער ווערט דיר נאָך היימישע און טייערע. דו פאַרשטייסט דעם שורש, דעם באַדייט, די בולטע רעאַליטעט פון „יידיש לאַנד"; דו זיצט דערין, אין דער דירת עראי, אין די „סוכת הנופלת", אין די „סוכת רחמים וחיים ושלום".

III

פון איין ווינקל אַרויס קוקט צו דיר עפּעס אַ גאָר היימישער קאָפּ, מיט בערדל און פאות און מיט אַ שטריימל. צי איז באמת אַרעקוואַט פאַר דעם ווייכן פנים, — ווי שטרענג און מיט שטאַרקן ווילן ס'זאָל נישט זיין מאָרע־לירט, — דער שווערער בראָנז־מעטאַל? איינס איז אָבער זיכער, אַז דער שטאַרקער רצון פונם באַשאַפער פון דעם סקולפּטור־קאָפּ איז, אַז אונזער דור אַצינד, אויב מיר ווילן בלייבן לעבן און ווייטער ציען אונזער המשך, מוז ער ווערן אַ דור פון בראָנזענע יידן, שטאַרקע מענטשן מיט אייזערנעם ווילן — ס'איז דאָ ווילן, ס'איז דאָ אויסדרוק. אָבער צי מ'קאָן אַ רבי יוזיפלען נימען אין מעטאַל, דאָס איז שוין אַ ריין פאַכמענישע און פאָרמעלע פראַגע.

איך האָב מיך אָפּגעשטעלט אויף די סקולפּטור „רצון" פון משה עובד, (נישט ווייל איך האָב פאַרזען אונזערע אַלטע באַקאַנטע לאָנדאָנער קינסטלער ווי בראָמבערג און וואָלמאַרק, אונזערע יונגע הערמאַן, סאָקאָל, ציגלער און צענדליקער אַנדערע פון דאָ, פון ארץ־ישראל, ווי פייגל, שאַמעש און





„רצון" פון משה עובד

פיל פיל אַנדערע) — פשוט, אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל משה עובד איז דער היימישסטער, עס קאָן אָבער אויך זיין, ווייל אויף אונזער פרילינג־פייערונג אין „בן־אורי", ווען דער פאַרליינער האָט גע־ליינט שלום עליכם'ס אַ רבי יוזיפל־מעשה איז מיר די סקולפּטור געשטאַנען פנים אל פנים; אַלענפאַלס איז עס משה עובד'ס ערשט דעביוט ווי אַ סקולפּטאָר.

ש.

אַן אויסשטעלונג פון **משה עובד'ס** סקולפּטור־ווערק: קעפּ, חיות און מנורות, קומט פאָר היינטיקן חודש, פון 6־טן מאַי ביזן 20־סטן, אין דער סעינט דזשאָרדזש־גאַלעריע, 81 גראָווגער סטריט, לאָנדאָן, וו.1.

ש. טענענבוים

# דער פאָטרעט פון דער דאַמע געמאָלן פון מארק שאַגאַל

דאָס איז דער אײדעלער פּאָרטרעט פון דער דאַמע בעלאַ שאַגאַל; דער הינטערגרונט פון אַ פייכטן פרילינגדיקן גרין. פון אַ וואונדערלעכן גרין. פון אַ זאַפטיקן, קוים־אויפגעשפּראָצטן, הייליקן גרין. די גרינקייט וואָס באַרואיקט די נערוון פון דעם געניוס און דעם אידיאָט — דאָס גרינע, פייכטע און נראָזיקע פעלד צו וועלכן מיר פאַלן צו אין ביטערע מאָמענטן, ווען מיר טרינקען פון לעבן אַלע ביטערנישן — אַלע דופטן — אַלע בלייערנע געטראַנקען אויס; אַלע זויערקייטן, אַזוי ווי דער וואָס הענגט און וויגט זיך ביטער אויף דעם גאַלגל — טרינקט די לעצטע ביטערנישן פון לעבן אויס — פון דעם רוים׳ס ריזיקן בעכער — פון דעם כוס פון דין, פון דעם באָקאַל פון די אומענדלעכקייטן.

עס איז גרין אויפן הינטערגרונט פון דער לאַנדשאַפט. דער מאָלער, דער קינסטלער דערמאָנט זיך דעם פּאַרק וואו ער האָט זי צום ערשטן מאָל אַרויסגעפירט. עס איז געווען אַ טאָג — אַ מייסטערווערק, צעגליטער, צעשמאָלצענער בראַנדז איז געפלאָסן פון די אויפגעשניטענע אַרטעריעס פון בוים, פון אומגעהויערן טאָג, וואָס איז געווען ווי אַ טריאומפבויגן פאַרן זיך אהיימקערנדיקן צעזאַר. פון די בוימער האָט ווי הייסער האָניק געטריפט אין שווערע קופּער־טראָפּנס די זון. די בלייכע ליליעס האָבן זיך געעפנט צום טאַנס זינד־און־אַרגיע. קאָלירן זייגען גערונען פון אַלע זיימען ווי פון איבערגעדרייטע פלעשער — פלאַקאָנען און באָקאָלן. דער פּאַרק איז געווען פריש און פייכט, פייכט פון ראָסע און פייכט פון דער אייזיקער קילקייט וואָס גייט אַרויס פון דער ערד.

און דער מאָלער האָט צום ערשטן מאָל דערזען זיין פרוי, זיין מיידל, זיין געליבטע, זיין פריינדין. די וואָס וועט מיט שטיקער פון אירע לאָקן — מיט שטיקער פאַרב פון איר פאַרבנקענוניגרייך — מיט דעם פלאַם פון איר לעבן — מיט דעם בראַנד פון איר האַרץ פאַרציען און פאַרפלאַמען אַלע זיינע קאַנוועזעס.

עס איז גרין — שאָטנדיק־גרין, פאַרטראַכט־גרין אויפן הינטערגרונט פון דעם אײדעלען פּאָרטרעט. און איבער דער גרינקייט שטייט וואונדערלעכמענטשלעך די פיגור פון דער פרוי — אין קלאָרן, אין העלן, אין גרויען און אין קאַלעכדיקן. . . . אין העלער הויט און העלן הוט — אין ליכטיקער קלייד און אין ווייסן מאַנטל. זי האַלט אַ בוך אין דער האַנט — דאָס אוראַלטע בוך פון לעבן — דעם קלאַסישן ראָמאַן. אויך פון די ערשטע צייטן, פון שבתדיקן נאָכמיטאָג, ווען די שטעטלדיקע יוגנט עסט אָפּ זאַט ביי די טישן פון די טאַטעס.



עס איז זאַט די זון און זאַט די לופט און דער וואַלד, ווייט הינטערן שטאָט. . . . זילבער־פּערעס ציען זיך צווישן די ביימער. און זי האַלט אונטערן אײדעלן אָרעם דעם דיקן ראָמאַן... דעם סימבאָל פון ליבע... אירע הענט, אירע אײדעלע פינגער מישן ציטערנדיק די בלעטער פונם ראָמאַן — די הערלעכע, אײדעלע בלעטער פונם ראָמאַן...

עס איז גרין דער הינטערגרונט און בלייך איז די דאַמע — די דאַמע וואָס דער מאָלער האָט נאָך איר טויט געמאָלן מיט לופט — געמאָלן מיט דער בלייכקייט פונם עטער — מיט די אָטעמען פון רוים — מיט דעם פלייש



ווייב און טאָכטער פון מארק שאַגאַל

פון דער אומענדליכקט... זי איז געמאָלן מיט שפינוועבס און מיט קאַלעך. זי איז געמאַכט מיט דעם שטאָף פון גאָרנישט.

דאָס פאָלק זאָגט: אַ חלום איז דאָס לעבן. און מיט חלום — מיט בעז־פרישקייט — מיט וואָלקנוואטע — מיט בליאַסק פון טאָג מיט מאַטקייט פון ליליע־בלעטלעך — האָט דער מאָלער געמאָלן זיין בעאַטריטשע — זיין שולמית... מיט כישוף פון ראָמאַנס. מיט בלייכקייט און מיט טרויער. מיט דעם ליכט פון פריען באַגינען.

די אַלע יאָרן פון לעבן מיט איר זיינען געווען אַ חלום. און לויטער חלום — לויטער זעאונג — לויטער אימאַזש שטייט זי דאָ אויף דער פייכטער פרישקייט פון גראָז אַן אימאַזש וואָס איז געווען און איז פאַרגאַנגען און האָט אין קינסטלערס הארצן געלאָזן אַ רויע וואונד....

## ש. גאַנשאַר (מאָסקווע)

## דער דענקמאָל

אַ דענקמאָל שטייט אין נייעם סקווער,
אין שטאָט, וואָס איז אין פלאַם פאַרשוואונדן.
מ׳האָט ערשט זיך אומגעקערט אהער
מיט נאָך ניט קיין פאַרהיילטע וואונדן.
אַ דאַך האָט אופן קאָפּ געפעלט —
נאָר מ׳האָט אַ דענקמאָל גלייך געשטעלט.

דער דענקמאָל שטייט אינמיטן שטאָט—
אַ העלד פון בראָנזע אויסגעגאָסן.
אַ שלל פון קראַפט דער קינסטלער האָט
אין דעם מעטאַל אריינגעבלאָזן.
און ס׳דוכט — אָט שטעלט ער באַלד אַ טראָט
און וועט אין וועג אַריין זיך לאָזן.

און וועט פון גרינעם סקווער ארויס —
מיט שווערע טריט וועט נעמען שפּאַנען,
אַהין, צום באַרג, וואו ס׳איז זיין הויז
אין סאַמע מיט פון שטאָט געשטאַנען.
און יעדן מאָנען און דערמאָנען:
מיין שטאָט, מיין היים אויפּסיינ בויט אויס!

מ׳האָט דאָ געלייגט דעם ערשטן שטיין
דער דענקמאָל זאָל אַן עדות ווערן,
אַז ווידער וועט די ליבע היים
אַ ליכט טאָן, ווי דער מאָגן־שטערן.
מיט פענצטער קענן זונען־שיין —
דערוועדט זאָל זי די העלדן זיין.



און פון קאַיאָר ביז זון־פאַרגאַנג
עס רוישט די שטאָט אין מי און טרויער.
בּאַ יונג און אַלט — נאָר איין פאַרלאַנג —
דער היים צו געבן זיין צושטייער.
אַ נעסט פון גליק, פון פרייד און שיין
זאָל יעדע שטוב אויף אייביק זיין.

אין מיטן שטאָט אַ דענקמאָל שטייט
דעם העלד, וואָס איז אין שלאַכט געבאָרן.
עס דוכט פון נאָס צו נאָס ער גייט,
באַטראַכט אַ יעדן נייעם גאָרן.
פון יעדן שויב עס קושט זיין בליק,
מיט אונדז אין הויז ער לעבט צוריק.

## יחזקאל נח ערליכמאַן

## חתן מכובד מיט מפטיר

(פון חסידישן פאָלקלאָר)

די קאָצקער חסידים האָבן ווייניק געהאַלטן פון אויסערליכער פרומקייט ווי, למשל, דאַוונען מיט הויכע קולות און פּאַטשן מיט די הענט און כדומה.

עס איז ביי זיי געווען אַ כלל, אַז „לא תגנוב“ מיינט נישט בלויז: „דו זאָלסט נישט גנב׳ענען“, נאָר דער עיקר מיינט עס: „דו זאָלסט נישט זיין קיין ג נ ב“.

ביים כפרה־שלאָגן ערב יום כפור, בשעת ביי אנדערע חסידים איז עס געווען אַ פייערדיקער ענין, מיט טבילה במקוה און אַ סך תפילות ובקשות, האָבן עס די קאָצקער געטון מיט אַ גרינג הארץ. זיי האָבן זיך געוויצעלט אויף דעם. וואָס מען איז מהדר נאָך אַ ווייסע כפרה און האָבן געהאַלטן, אַז עס איז נישט וויכטיק צי די פעדערן זיינען ווייס צי נישט. די הויפּט זאַך איז, אַז דאָס פלייש זאָל זיין ווייס. דעמאָלט איז מען זיכער, אַז מען האָט אַ גוטע און באַ׳טעמ׳טע כפרה...

זיי האָבן ווייניק געהאַלטן פון אמונות טפילות, ווי סגולות אָדער עין־הרע אָפּשפּרעכן.

עס האָט מיר דערציילט אַן אַלטער חסיד אַ מעשה, וואָס האָט פּאַסירט אין פּשיסכע, וואָס, ווען נישט די חכמה פון רבי׳ן ר׳ בונם ז״ל, וואָלט מען זי פאַרשריבן פאַר אַ מעשה נורא און אפשר נאָך מער...

עס איז געווען די וואָך פאַר דער חתונה פון ר׳ ירחמיאל, דעם זון פון יוד־הקדוש פון פּשיסכע און איידים פון ר׳ דוד׳ל לעלעווער זכרונם לברכה. עס איז געווען אין אַ דאָנערשטאָג, אַ ווינטער־נאַכט. און ר׳ ירחמיאל איז געזעסן אין שטאָט־בית־המדרש פאַרטיפט אין לערנען, כדי זיך צוצוגרייטן מיט

אַ פּלפול צו דער חתונה. ער גיט זיך אַ קוק אום און זעט, אַז עס איז שוין זער שפּעט און דער בית־המדרש איז ליידיק. ער איז געוואָרן אַביסל אומרואיק און גענומען גיין אהיים; און ווייל ער האָט זיך געאיילט, האָט ער גענומען דעם קורצערן־וועג, וואָס איז געווען נעבן דער שטאָדט־שול. נאָר דאָ האָט געטראָפן עפּעס אויסערגעוויינליכעס. מחמת ווי ער גייט אַזוי נעבן דער שול, הערט ער אַ קלאָר קול: יעמוד החתן ירחמיאל בן מורה מורינו ר"י מפטיר!

ירחמיאל, הערנדיק דאָס, איז אין אים דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן פאַר שרעק און מיט אַלע כחות איז ער געלאָפן אהיים.

אָבער אַזוי ווי אין פּאַטער'ס בית־המדרש איז געווען גוט ליכטיק, איז ער גלייך דאָרט אַריינגעלאָפן. אין בית־המדרש זיינען געווען אַ סך אָנגעפאַרענע חסידים צוליב דער חתונה. און ווען ער איז אַריינגעלאָפן האָבן זיך אַלע דערשראָקן פאַר זיין אויסזען. ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אויסרעדן, נאָר האָט געוויזן מיט דער האַנט אויף דעם רוקן. מען האָט גענומען קוקן, האָט מען דערזען צייכנס פון שניי, ווי מען וואָלט אים באַוואָרפן מיט שניי־קוילן.

עס האָט געדויערט אַ פּאָר מינוט ביז ער האָט זיך באַרואיקט, און האָט דערציילט וואָס האָט פּאַסירט; אַז מען האָט אים פון דער שטאָדט־שול אויפגערופן צו מפטיר. און אַזוי ווי ער איז פאַר גרויס שרעק געלאָפן אהיים, האָט מען אים נאָכגעשריגן: חתן ביזט מכובד מיט מפטיר! און אַזוי ווי ער איז ווייטער געלאָפן, האָט ער באַקומען אַ קנאַק אין רוקן.

צווישן די חסידים, דערהערנדיק די מעשה, איז געוואָרן אַ גרויסער טומעל.

— וואָס טוט מען? — האָט זיך געהערט פון אַלע זייטן. מ[illegible] האָט פאַרגעוואָרפן דעם חתן, פאַרוואָס ער איז געגאַנגען אָן שמירה. ו[illegible] אַכט טעג פאַר דער חתונה טאָר אַ חתן נישט גיין אָן שמירה.

אָבער די מער אויסגערעכנטע האָבן ווידער פאַרגעוואָרפן פאַ[illegible] מען רעדט פון אַ זאַך, וואָס איז שוין פאַרגעקומען; מען מוז דאָך איצט [illegible]יכטן וואָס עס בלייבט צו טון! און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ גאַנצער ויכוח: טייל חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער אויפגערופענער דאַרף אַריינגיין אין שול, אָנגעטון אין טלית און מוז גיין הינטערוויילעכטס, און אַרויפגיין אויף דעם בעלעמער און מאַכן די ברכה; און, למען השם, ער זאָל נישט עפענען די אויגן; אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז עס איז נישט גענוג דער טלית, נאָר ער מוז זיך אויך אָנטון דעם קיטעל. און נאָך אַ סך דינים און מנהגים זענען געבוירן געוואָרן ביי די נאַרישע חסידים. און דאָ שטייט דער חתן און ציטערט מיט אַלע אברים. נאָר אין מיטן דרינען עפענט זיך די טיר פון בית־המדרש און עס קומט אַריין דער רבי ר' בונם ז"ל — ער איז געקומען פון דאַנציג, וואו ער איז געווען אָנגעשטעלט אין אַ האָלץ-געשעפט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט פאַרוואָס דאָס גערויש איז אַזוי גרויס. און ווען מען האָט אים דערציילט פון



דעם געשעעניש, האָט ער געבעטן, אַ עס זאָל זיין שטיל, כדי מען זאָל קאָנען באַטראַכטן די זאַך מיט אַ קלאָרן שכל.

אין אַ מינוט אַרום רופט ער צו דעם משמש און פרעגט אים ווער עס וואוינט ביי דער שול. זאָגט אים דער משמש, אַז אין דער זייט פון דער שול שטייט נאָר די שול אין איין לענג מיט דעם בית־המדרש און צווישן זיי איז אַ ליידיקער פּלאַץ מיט אַ פּאַרקאַן אַרומגעצוימט. נאָר אַקעגנאיבער דער שול וואוינט יעקיל מילנער, מענדעל שוסטער און דער חזן.

ווי ער האָט דערהערט דאָס וואָרט „חזן", האָט ר' בונם אויסגערופן מיט אַ שמייכל:

— ס'איז שוין ריכטיק — און זאָגט צום פאַרוואונדערטן עולם — איך קאָן נישט זאָגן אויף זיכער, נאָר לויט'ן פּשוט'ן פאַרשטאַנד קאָן זיין, אַז צוליב דער חתונה ריכט מען זיך דאָך אויף אַ גרויסן פרעמדן עולם, און ווי דער מנהג איז, וועט מען דאָך דעם חתן אויפרופן אין דער שטאָדט־שול, האָט דער חזן זיך גענומען צוגרייטן מיט אַ שיינעם סדר־התפילה און מיט געהויבענע ניגונים; און האָט זיך אויך געפּרוּווט ווי ער וועט אויפרופן דעם חתן צו מפטיר. גראָד האָט זיך געטראָפן, אַז דער חתן איז דעמאָלט אַדורכגעגאַנגען, און מחמת דער שרעק, וואָס איז אים באַפאַלן, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז עס קומט פון דער שול. און אויך וואָס ער זאָגט, אַז מ'האָט אים נאָכגעשריגן „חתן" ביזט מכובד מיט מפטיר" איז אויך נאָר אַ פועל־יוצא פון דער שרעק, וואָס דאָס בלאָזן פון ווינט האָט זיך אים אויסגעדאַכט ווי ווערטער...

רופן זיך אַ טייל אָפּ:

— און וואָס איז וועגן דעם קלאַפּ אין רוקן? מען האָט דאָך געזען צייכענס פון שניי?

זאָגט ער זיי, אַז ער איז נישט בכוח „פותר" צו זיין אַלע „חלומות". דערווייל דאַרף מען שיקן צום חזן געוואר ווערן אויב די דאָזיקע השערה איז ריכטיק, וועט זיך שוין אַלץ לאָזן אויפקלערן.

דער שמש מיט נאָך צוויי יידן זענען געגאַנגען צום חזן. וועלכער איז שוין דעמאָלט געשלאָפן. זיי האָבן אים אויפגעוועקט און ער האָט אַלץ באַשטעטיקט גענוי, ווי דער רבי ר' בונם האָט אויסגעטייטשט....

אויף זייער וועג צוריק איז זיי אויך געלונגען צו דערגיין דעם „סוד" פון קלאַפּ אין רוקן. ווי זיי גייען אַזוי אהיים באַקומט איינער פון זיי אַ קלאַפּ אין רוקן. נאָר ווייל זיי זיינען דאָך געווען דריי מענטשן, זענען זיי נישט אַנטלאָפן, נאָר גענומען זוכן מיט דער לאַמטערן, וואָס זיי האָבן געטראָגן מיט זיך. און דערזען, אַז עס ליגט אַ האַלבע, צובראָכענע רייף. און ווי מען גיט אַ טראָט אויף איין עק פון דער רייף, הויבט זיך אויף דער צווייטער עק און גיט אַ קלאַפּ אין רוקן...

ווען מען האָט דאָס צומאָרגנס דערציילט פאַר'ן יוד־הקדוש, האָט ער געזאָגט, אַז אויף ר' בונמ'ען איז געזאָגט געוואָרן דער מאמר: חכם עדיף מנביא...

# ברויט!...

## (אַ לאַגער עפּיזאָד)

אין דער טונקלקייט פון באַראַק האָבן זיך קוים אויסגעטיילט די לאַנגע שורות שוואַרצע סילועטן, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעבליכט מאַטע מענטשלעכע פּנימער מיט הונגעריקע בליקן. און ווען ניט די אַפּטע זיפצן, שטילע תפילות אָדער האַפנונגסלאָזער יאָמער; וואָס האָבן זיך יעדער ווײַלע פון דאָ און דאָרט אַרויסגעריסן ווי אַ ווילד משונה׳דיק מענטשן־ברומעריי — וואָלט דאָס אַלץ ניכער אויסגעזען ווי אָנגעוואָרפענע פּעק, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אויפן דיל פאַרלאָזענע פון זייערע בעלי־בתים.

געצווינגען האָבן זיך איבערן יעזשאָווער קאָנצענטראַציע־לאַגער די גורלדיקע אַפּריל־טעג פון 1945. וואָס האָבן געטראָגן אין זיך ווײַטע האָפענונגען פון לעבן און איבערלעבן — אָבער דאָ אין פינסטערן באַראַק האָט פאַרשייט אַרומגעהוליעט דער אומרחמנות׳דיקער הונגער וואָס האָט אײַנגאַנצן צונגערויבט דעם פונק פון באַפרײַאונג.

אין דרויסן האָט געפינקלט אַן אויסגעשטערנטער הימל. נאָר דורך דעם פאַרקראַטעוועטן דאַך־פענצטערל, האָט זיך אויגעדאַכט ווי אַ קליין ליכטיק טיכל וואָלט געהאָנגען אין דער לופטן.

אין דער טונקלקייט פון באַראַק איז קיינער נאָך ניט געשלאָפן. אַלע זײַנען געלעגן אויפן דיל אין אַן אומבאַוועגלעכער פאַרגליווערטקייט ווי אין הינער־פּלעט. בלויז ישׂראל דער „פרומאַק" האָט זיך רואיק אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן דאַווענען מעריב.

— זאָג מיר ישׂראל, וואָס, טויג מיר דײַן דאַווענען, אַז די פענצטער זײַנען פאַרקראַטעוועט, די טירן פאַרהאַמערט און די תפילה דײַנע קען סײַ־ווי־סײַ צו גאָט ניט דערלאַנגען? — האָט זיך עמעצער געוויצלט פון דער קופּע אַרויס, פאַרגײַיענדיק אין אַ שווינדזוכטיקן הוסטן.

— גלויבנדיק וועט מיר אפילו לײַכטער זײַן צו שטאַרבן — האָט אָפּגעענטפערט ישׂראל, פאַרטזעצנדיק דאָס דאַווענען.

— הײַנט שטאַרבן אַלע גלײַך. צווישן חסיד און אפּיקורס איז נישטאָ מער דער מינדסטער אונטערשייד. קיין גרעסערע לויה און שענערע קרקע ווי מײַנע וועסטו סײַ־ווי־סײַ נישט האָבן. אפילו די דרײַ טריט וועט קיינער נאָך דיר נישט מיטגיין. און פון ברענענדיקן אויוון קלעטערט אפילו דער הייליקסטער מענטש נישט אַרויס קיין לעבעדיקער.

אַט אַזוי חוזק׳נדיק האָט זיך שנעל די טיר אויפגעפּראַלט. פּלוצים האָט זיך אָנגעצונדן אַן עלעקטריש לעמפּל און ס׳איז אויסגעוואַקסן דאָס ברייטע געשטעל פון „בלאָק־פירער".

— יאַטן, וואָס באַליעט איר אַזוי ווי די פּגרים, פּונקט ווי אַ שיף מיט זויערמילך וואָלט אײַך אונטערגעגאַנגען — וואָס זאָרגט איר? מער ווי איינ־



מאָל שטאַרבט מען נישט. אַז איר באַקומט שוין דרײַ טעג נישט צו פרעסן,

— אַלץ איינס וועלן מיר גלײַך אויסציען די קאַפּיטעס. מיך מיטן פרעסן, און אײַך אַן דעם פרעסן וועט דער טײַוול גלײַך צונעמען. נאָר דערווײַל נישט געזאָרגט יאַטן. לאָמיר זיך אַביסל פריילעך מאַכן....

אַרויסזאָגנדיק די ווערטער, האָט דער בלאָק־פירער פון דער קעשענע אַרויסגעצויגן אַ האַלב־פירקאַנטיק־לעבל ברויט און מיט אַ געמאַכטע שטימע פאַרטגעזעצט:

— אַט גיט אַ קוק וואָס פאַר אַ פריש געבאַקן ברויט. אַזש אַ מחיה אַ קוק צו טאָן פון דער ווײַטנס:....

דערזעענדיק דאָס ברויטל האָבן אַלע מיטאַמאָל דערוואַכט פון זייער טרויעריקער פאַרגליווערטקייט. ווילדע שגעון־בליקן זײַנען געפאַלן אומגלויביק אין יענער ריכטונג און קאָנוואַלסיוו געצויגן זיך אַהין.

— „ברויט!" האָבן ציטערנדיק געמורמלט פאַרהלשטע ליפּן, ברויט. ברויט — האָט זיך געטראָגן פון איטלעכנס מויל.

—קוקט גוט, און הערט זיך אײַן מיט קאָפּ זאָגט דער בלאָק־פירער. איך וועל דאָס ברויט מיט אַ שטריקל אויפהענגען צום באַלקן, און ווער ס׳וועט מיטן מויל אָפּבײַסן אַ שטיקל דערפון האַלטנדיק די הענט פון אונטן, — דער באַקומט דאָס גאַנצע ברויט.

הענגט דאָס ברויטל אין מיטן באַראַק און וואָרפט זיך ווי אַ פּאַיאַץ אין אַלע זײַטן, רײַצנדיק זיך מיט די אויסגעהונגערטע מענטשן.

ווילדע, מרה־שחורה׳דיקע פּנימער מיט פאַרוועלקטע ליפּן קורטשן און שטרעקן זייערע באַדאַרטע העלדזער אין דער הויך. שפּרינגען אונטער מיטן לעצטן ביסל כוח איינער נאָכן אַנדערן, הויבן זיך. שטעלן זיך אויף די שפּיץ־פינגער, רייסן, בײַסן, פאַראַבירנדיק זייער מויל....

אויפגערעגטע, ווי בײַ אַ האַזאַרד־שפּיל שטויסט מען אַהין און אַהער. און אַ קאַלטער שווייס באַדעקט די מאַטע פּנימער.

הוידעט זיך אויף אַ שטריקל דאָס ברויטל אַהין און צוריק און בײַ דעם מינדסטן ליפּן־באַריר שפּרינגט עס אַפּ ווי קוועקזילבער און לאָזט זיך פון קיינעם נישט פאַנגען.

לאַנג וואָלט נאָך אפשר אַזוי אָנגעהאַלטן דער טרויעריקער שפּאַס, ווען נישט דער קלײנער יענקל. דער יונגסטער פון אַלע „העפטלינגען", וועלכער האָט אויך נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון פּראָבירן זײַן גליק — האָט ער פון דרויסן געבראַכט צו שלעפּן אַ שווערן, הויכן שטיין, געשטעלט זיך אויף די שפּיץ־פינגער, דרײַ מאָל זיך אַראָפּגעקייקלט און צעקלאַפּט זיך זײַן נעזל, און צום פערטן מאָל, אַ פעסטן בים געטאָן מיט זײַנע יונגע צײַנדלעך... און דערגרייכט דאָס גליק.

דער בלאָק־פירער האָט אויסגעבראָכן אין אַ ווילד הירזשיקן געלעכטער — און דאָס האַלבע ברויטל איז גיך דורך דעם קלײנעם יענקל צעריסן געוואָרן אויף שטיקלעך און יעדן איינעם צוגעטיילט אַ חלק....

לעא קעניג

## מענדעלע און פרץ

(א פאר גערעדענישן און זכרונות לכבוד דעם זיידנס דרייסיקסטן יארצייט)

מען האט ביי אונז, דאכט זיך, געשריבן וועגן די באדייטענדסטע יידישע שרייבער און קלאסיקער אין שייכות מיט מענדעלען. מענדעלע און שלום־עליכם. מענדעלע און ביאליק. מענדעלע און בערדיטשעווסקי און אזוי ווייטער ביז זיינע יינגסטע „זין" און „אייניקלעך" וואס זיינען פון אים באאיינפלוסט געווארן, פון אים געלערנט יידיש און טאקע שרייבן, און אים אזוי צו זאגן, ממשיך געווען....

נור וועגן מענדעלען און פרצן האט מען ניט געשריבן, און אויב יא, וואס ס'איז מענלעך, איז עס אזויצוזאגן לשם קאנטראסט....

און אין דער אמתן „פארן" זיך טאקע כמעט גארנישט מענדעלע און פרץ. פרץ האט אוודאי ניט באלאנגט צום בית מענדעלע, און איז ניט געווען מתלמידי של מענדעלע... פרץ האט זיך פון מענדעלען ניט „געלערנט" שרייבן ווי א שטייגער שלום עליכם, ביאליק, אש, שניאור און צענדליקער אנדערע פון אונזערע שרייבער, וואס זיינען געקומען נאך מענדעלען.

פארשטייט זיך, אז די דערמאנטע און ניט דערמאנטע תלמידים פון מענדעלע האבן נאך אנדערע ליטעראַרישע רביים און שולעס געהאט, אבער יידיש שרייבן האבן זיי אנמייניסטן געלערנט פון מענדעלען, און אפילו דאס יידישע לעבן האבן זיי געזען דורכן זיידנס שפאקולן ביז זיי האבן אנגעהויבן קוקן מיט אייגענע אויגן.

און פרץ איז דוקא דער איינציקער פון אונזערע קלאסיקער וואס האט ניט געלערנט שרייבן פון מענדעלען, וואס איז ניט נעגאנגען אין מענדעלעס חדר.

פאר אונזערע היינטיקע איבערשאצער פון פרץ, וועלכע ערן און זעען אים הויפטזאכליך אלס א זייל פון א נייער ראמאנטישער יידישקייט, וועט עס אפשר ווירקן אויפפאלנדיק, ווען איך וועל זאגן — און איך גלויב אז ס'איז אמת — אז פרץ האט געלערנט מער שרייבן פון די פוילישע קלאסיקער ווי מיצקיעוויטש און סלאוואצקי ווי פון זיינע פארגייענגער יידישע שרייבער... און אויך אין זיין ראמאנטיציזם איז ער מער פון די ערשטע געווען באאיינפלוסט אין זיינע באהאנדלונגען ווי פון די יידישע פאלקס און חסידישע מאטיוון.

---

פרץ און מענדעלע זיינען צוויי באזונדערע דרכים, ליטעראַרישע שולעס אין דער יידישער ליטעראטור:

פון מענדעלען האט מען זיך געלערנט יידיש שרייבן און רעאליסטיש שרייבן; מענדעלע קען מען זאגן איז דער פאטער פון דער רעאליסטישער שולע (אין דעם ברייטערן זין פון דעם ווארט, וואס שליסט איין סאטירע און



אלע רעאליסטישע שולעס). און פון פרצן האבן יידישע שרייבער געלערנט זוכן, בלאנדזן; פרץ איז דער פאטער פונם ראמאנטיזם אין אונזער ליטעראטור, ד"ה דער פרץ פון דער צווייטער תקופה פון זיין שאפן....

צוויי בולטע שולעס און ריכטונגען זיינען דא אין אונזער יידישער ליטעראטור, און צוויי גרויסע רביים: מענדעלע און פרץ. (שלום עליכם איז ניט געווען א רבי נור א גרויסער מייסטער פון דער מענדעלע שולע — און מיר רעדן איצט פון ריין ליטעראַריש קינסטלערישע שולעס).

פון מענדעלען האט מען געלערנט שרייבן און זען און קוקן אויפן יידישן לעבן; און פון פרצן האט מען געלערנט התלהבות. פרץ האט די יוגענט ארום אים אינספירירט באגייסטערט און באפליגעלט....

מענדעלע איז געווען א ליטעראַרישער רבי אינם בוכשטעבליכן זין פונם ווארט; פרץ איז געווען א „חסידישער רבי" וואס האט אינספירירט מיט זיין דבקות, כונות... אויב איר ווילט: דער בריסקער רב און דער ביאלער רבי...

---

אין אונזערע איצטיקע טרויעריקע און טראגישע טעג, ווען אסך פון אונזערע שרייבער און אונזער אינטעליגענץ בכלל זוכן א שטראל פון האפנונג, א ליכט און א זין וואס זאל דערמונטערן — איז אפשר נאטירלעך געווען אונזער פרץ זאל קריגן אן עליה און דוקא אונזער מענדעלע — נאך מיין מיינונג נאך אלץ דער גרעסטער פון אונזערע שרייבער — זאל זיך איצט געפינען אין א מין האלבן שאטן פון ירידה....

פאר פרצן רויכערט מען איצט ווייך־רויך; אויף פרצן קוקט מען איצט ווי אויף א „זייל פון יידישקייט". און אונזער מענדעלען איז מען איצט נעגינט צו געשטימט אונטערצישאצן, באשר ער איז געווען צופיל משכיל, ער האט צופיל אפגעלאכט און געמוסרט דיינע ד"ה אונזערע יידעלעך....

איי וואס אין מענדעלעס שפאט און געלעכטער איז געווען אזוי פיל אמתע (ניט לאקריץ) אהבת ישראל, אזוי פיל שטאלץ און מענטשליכע ווירדע און אזא גארונג צו זען אונז אלעמען ווי געזונטע מענטשן. פארגעסט מען אפט איצט... אבער ניט דאס בין איך איצט אויסן....

פרץ איז איצט ביי אונז א עמוד היהדות און דער ליבער זיידע, דער שאפער פון אונזערע ביידע נאציאנאלע ליטעראטורן — ווערט איצט אביסל, הייסט עס, אפגעפרעגט....

דערמאן איך זיך אז ס'איז אמאל געווען א צייט, ווען מען האט אונזער פרצן באשולדיגט אז ער איז א אסימילאטאר, און דוקא אונזער זיידע מענדעלע מוכר ספרים האט אזוי כאראקטעריסטיש, אויף זיין שטייגער, געלאכט פון די וואס האבן באשולדיגט פרצן אין אסימילאטארישקייט....

ס'איז געווען מיט אסך יארן צוריק, העט פאר די צוויי וועלט מלחמות: פרץ איז געקומען צוגאסט קיין אדעס. דאכט זיך דאס ערשטע מאל. און די אדעסער יידישער און העברעאישע שרייבער האבן געמאכט א באנקעט פאר פרצן. ס'איז שוין געווען איינמאל א באנקעט און איך וועל אים קיינמאל

ניט פארגעסן. און ס'איז געווען זער כאראקטעריסטיש פאר פרצן דעם טעמפעראמענטאלן חסידישן רבי. ער זאל מיר, א יינגל וואס האט נאך ניט געקלערט פון שרייבן און געוואלט ווערן א „כודאזשניק" ער זאל מיר הייסן קומען צום גרויסארטיקן באנקעט (און איך האב נאך מיטגעבראכט א חבר...)

אזא יידישן באנקעט פאר א שרייבער האב איך נאך ניט געזען און איך צווייפל שטארק צו ס'איז שוין גאר מעגלעך אזא באנקעט... די „ארעסער שולע" איז דאן געווען אין איר גאנצן פראכט און גלאנץ... מענדעלע איז געווען יושב ראש ומימינו פרץ ומשמאלו אחד העם... און ווער איז דארט ניט געווען? דער גאר יונגער ביאליק, לעווינסקי, רבניצקי, טשעמערינסקי, קלויזנער און נאך נעמען וואס האבן געבויט אונזערע מאדערנע ליטעראטורן... נור איין דאן בארימטער ארעסער העברעאיש־רוסישער (און אויך יידישער) שריפטשטעלער בן עמי האט ניט געוואלט קומען צום באנקעט „ווייל פרץ איז א סימילאטאר"....

פרץ איז נאך דאן ניט ארויס פון זיין השכלה תקופה און ער איז געווען בארימט צוליב זיינע „אפיקורסישע" פראכטפולע „דאס שטריימל", „באנציע שוויינ" א.ז.וו. דערצו האט מען געשמועסט אז ער איז א שטיק סאציאליסט. האט צוטון מיטן „בונד" און דער „בונד" איז אודאי נאך ניט געווען אזוי יידישלעך ווי ער איז איצט....

געדענק איך ווי מענדעלע האט זיך אין זיין עפענונג־רעדע געבייזערט שפאטיש, ווי זיין שטייגער איז געווען:

„א יידישער שרייבער, וואס שרייבט אין יידיש און פאר יידן — א אסימילאטאר... איך פארשטיי עס גארנישט ווי ס'איז מעגלעך"... — איז עד היום דא א בעסערע דעפיניציע פון א יידישן שרייבער?

אבער מיר האבן דאך נאך אסך צו לערנען פון מענדעלעס לעבנס חכמה און פון זיין השגות וואס יידישקייט איז. לאנג, לאנג זאל מען נאך לערנען פון אונזער זיידן.

---

## מ. ווילענסקי

# מלאכה בזויה

אויף אן אסיפה פון שרייבער און ליטעראטן און סתם אנשים נכבדים, וואס זענען אנגעזאפט מיט אידעאלן, וועלכע זענען רייך מיט שכל הישר און מוסר השכל איז פארגעקומען א וויכוח וועגן א געוויסן ספר פון א טאלאנטירטן שרייבער; צי דער ספר איז ווערט אז מ'זאל עס ארייננעמען אין דעם אוצר פון אונזער ליטעראטור, אדער ניט, פונעם וויכוח האב איך פארשטאנען נע־נאך מער, אז ס'האבן זיך געפונען קנאים קיצונים, וואס האבן גאר פשוט געוואלט דאס ספר ארייגלייגן אין חרם. דאס אליין האט מיך ניינעריק געמאכט זיך צו באקענען מיט דעם ספר, כדי זיך צו דערוויסן פארוואס מ'האט דעם דאזיקן ספר אזוי פאר'משפט. און איך האב זיך נעפרעגט. מה נשתנה הספר



הזה מכל הספרים, וואס ווערן געדרוקט פון יידישע מחברים, אנגעהויבן פון רבנים און סתם מחברים און אפילו פון די שופטים אליין. אסך פון זיי אן טעם וריח און קיינעם ארט דאס נישט. מיט וואס האט דאס ספר פארדינט דעם כבוד, אז מ'זאל מאכן פון אים אזא רעש? האב איך גענומען נאכפארשן און נאכפרעגן ביי שרייבער און ביי לעזער. וואס זענען כלומרשט קולטורעל. וואס האבן געליינט. אז זיי זאלן מיר דערקלערן די סבה און איך האב טאקע געהערט פארשידענע טעמים, אבער דעם אמת זאגנדיק, די אלע טעמים זייערע האבן נישט געהאט קיין טעם. למשל איינער האט מיר געזאגט אז דער מחבר באנוצט זיך מיט שמוציקע ווערטער. פרעג איך אים צי אזעלכע ווערטער, וואס דו האסט מיר איצט דערמאנט געפינט מען נישט אין די בעסטע מאראלישע ספרים פון אונזער ליטעראטור, אין תנ"ך, תלמוד, מוסר־ספרים, ביי אונזערע משוררים, גרויסע און קלענערע, אין אלע צייטן. עס ווענדט זיך וואו דאס ווארט שטייט. — וואס איז פאר דעם ווארט, און וואס קומט נאך דעם ווארט. ברענגט ער מיר א גאנצן פסוק — זאג איך צו אים — ס'ווענדט זיך אן דעם המשך פריער און שפעטער פון דעם פסוק אליין. בעסער זאג מיר דעם אינהאלט. וואס וויל דער מחבר. דו מוזט דאך מיר נאכגעבן, אז דער מחבר פונם ספר איז א מענטש מיט טאלאנט און א בר דעת. מיינסטו צו זאגן, אז דעם מחבר'ס כונה איז געווען צו געבן דעם לייענער א ביסל נישט זער קיין שיינע ווערטער. זאג מיר, וואס איז ער אויסן. גיב מיר איבער וואס ס'איז דער אינהאלט פון דעם דאזיקן ספר. ער פארקנייטשט דאן דעם שטערן זיינעם און זיין צונג קייקלט זיך און מיט גרוים התלהבות זאגט ער צו מיר — דו ווייסט אז מיר זענען א צעריסן פאלק, מ'האט אונז צעפיצלט, אונזער ליטעראטור און קולטור האט א סך פארלוירן, א שארית הפליטה איז געבליבן און די שארית הפליטה באמיען זיך און סטארעווען זיך ווידער צו לעבן, צו לעבן פאר א בעסערע צוקונפט; קומט ליסקי מיט זיין סאטירישן בוך און מאכט פון אלעם אש און בלאטע און פליקט און צערייסט מיט זיין בייזער פעדער אלצדינג אוז לאכט און שפאט פון אלעם און אלעמען, וואס זוכן צו דערמוטיקן דאס פאלק. דער אינהאלט פון דעם בוך איז שעדלעך און אומעטיק.

מעגלעך, אז דער מיט וועמען איך האב גערעדט, האט ארויסגעזאגט וואס ער האט געמיינט, איך האב אים חלילה נישט חושד געווען, אז ער האט א פניה, אדער א קשיה אויף א מעשה. ס'קען זיין, אז דארטן אין דעם בוך האט ער זיך דערזען און רעדט פון כעס „בא לכלל כעס בא לכלל טעות" און איך האב אים גאנץ געלאסן געענטפערט. ניין, איך בין נישט איינשטימיק מיט דיר. אז קריטיק מיינט ברענגען שאדן און אומעט. אבער איך בין מודה, אז ס'איז זער שווער צו דערטראגן אזא קריטיק, וואס וויל זיך ארויף כאפן אויבן אן און וויל צעווארפן א געביידע. ווען אפילו אן אלטע און א צעפוילטע. אויב קיין נייע איז נאך נישט פארטיק. אין אונזער אלטער ליטעראטור געפינט זיך איינמאל און ווערט איבערגע'חזרט א צווייט מאל „לא לסתור אינש ביכנישתא עד דבני בי כנישתא אחריתא". אדער ווי מ'זאגט אין יידיש,

מ'גיסט נישט ארויס קיין אומריין וואסער ביז מ'געפינט נישט קיין ריינס. און צוריק גערעדט, קריטיק איז א סימן פון האפנונג. ווארים קריטיק איז נאר מעגלעך ווען עס לעבט נאך א האפענונג אויף עפעס בעסערס. פארקערט, ווען ס'וואלט געווען אומגאנצן פינסטער וואלט מען נישט געקענט זען די לעבער, די שפאלטן פון דעם אלטן בנין.

אויסגעהערט די פארשידענע מיינונגען פון פארשידענע מענטשן, האב איך צו זיך געזאגט, אינו דומה שמיעה לראיה — „ניתי ספר ונחזה" און גע־קראגן דעם ספר און איך האב אים איבערגעלייענט.

ווען איך האב געלייענט דאס ווערק „מלאכה בזויה" פון דעם קינסטלער י. א. ליסקי, האב איך צו זיך געזאגט, ניין, אין דער יידישער נאס איז נישט פארלאשן אין גאנצן נאט'ס ליכט. ערגעץ זיצט זיך גאנץ שטיל א קינסטלער, וואס ביי אים איז דער חוש הראיה שארף אנטוויקלט. א ליסקי מיט שטארקע געפילן, מיט זער א ריכטיקן אינסטינקט, וואס נארט קיינמאל נית. נאכן איבערלייענען דאס בוך קריג איך הכנעה פאר דעם שרייבער. איך האב דער־שפירט אז אין דעם מענטשן שטעקט עפעס א קראפט, אז מיט איין בליק, מיט איין פסוק ריסעוועט ער א גאנץ בילד. ער שאפט שטיל און שטאלץ. ער מאלט נית אלעם. ער מאלט נאר איין פינטעלע, דעם עיקר. ליסקי זוכט נישט דאס דעקאראטיווע. ער וויל נישט באפוצן. ער ווייזט דעם עיקר. די אפשפיגלונג לאזט ער צו דעם לייענער. פאר ליסקין איז נישט נויטיק צו זוכן און צו געפינען א טעמע. ערווארט, אז די טעמע זאל אים געפינען און זי נעפינט אים, ווייל ער דערזעט מיט זיינע שארפע אויגן זאכן און ער דרינגט זיי אריין אין זיין נשמה און זיי ווערן ער. דערפאר זעט איר, אים, ווייל ער איז אליין דאס בילד, און פון דעם בילד.

אין ליסקי'ן זיצט א חוץ די נשמה פון א קינסטלער, אויך די נשמה פון א פובליציסט. איך מוז דאס מקצר זיין. איך מיין, אז אין א סך פון אונזערע גוטע שרייבער זיצן צוויי נשמות, צום ביישפיל, ביי מענדעלע מוכר ספרים און אנדערע. פיל מאל זענען זיי תאומים מתרוצצים, אבער ביי ליסקי'ן האבן זיי געמאכט שלום. און איך מוז צוגעבן, אז עס גיט דער דערציילונג צו חן. דאס בוך איז נישט איין בילד, נאר א פאנאראמע פון א סך לעבעדיקע און רירנדע בילדער.

אויב די בילדער אין דעם גייסטיקן שפיגל זענען נישט קיין שענע איז דאס נישט דעם שפיגלס (נישט דעם מחבר'ס) שולד. ליסקי ליידט פון דעם, אבער וואס מער דאס קינד וואס ער האט געבוירן איז צוליב דרויסנדיקע סיבות פארקריפלט, אלץ מער ליידעט ער פון דעם און מער ליב האט ער דאס. זיין הארץ גייט אים אוים פון ווייטאק, נאר ער האפט אז זיינע קינדער וועלן אויסוואקסן געזונטע און שענע. ס'וואונדערט מיך פארוואס זיין שארף אויג פארקוקט זיך נישט אויף עפעס שענעס. איך גלויב אז אין יידישן לעבן געפינט זיך נאך עפעס שענעס און געזונטעס אויך. דאס איז ביי מיר א חידה.





# א גוט בעלעטריסטיש בוך אין יידיש איז איצט דערשינען אין ארץ ישראל *

דאס דערשינענע בוך דערציילונגען „איבערפלאנץ" פון א. ריוועס אין ארץ ישראל איז א נייעס פאר דעם בוך־וועזן אויפן היגן ביכער־מארק. שוין דערמיט אליין וואס „איבערפלאנץ" איז א בוך דערציילונגען אין יידיש — וואס דערשיינט צום ערשטן מאל דא אין לאנד — און ועל כולם איז דאס א בעלעטריסטיש בוך פון קינסטלערישן אינהאלט. געשריבן דורך א שרייבער וואס פארמאגט א זעלטענעם שארפן אויג אויפצוכאפן די פארשידענע ניואנסן פון היגן ארץ־ישראלדיקן לעבן, מיט נאטירלעכער סימפאטיע פארן אונטער־דריקטן הארפאשניק. „איבערפלאנץ" סימבאליזירט מיט זיך דעם פראבלעם פון פסיכאלאגישן איבערפלאנצן איבערוואנדערער. חלוצים, פון כל תפוצות ישראל אין אונזער היימלאנד ארץ־ישראל. דער לעזער האט פאר זיך אין בוך היינטצייטיקע רעאליסטישע טעמאטיק געשילדערט קרעפטיק אין א רייכער, לעבעדיקער שפראך, געשילדערט מיט אייגנארטיקן הומאר. די טיפן זענען נישט געצייכנט מיט איבערטריבענעם אידעאליזם. א. ריוועס האט די פעאי־קייט צו אנטפלעקן דעם מענטשן מיט זיינע שוואכקייטן באגלייך מיט די דערהויבענע מאמענטן.

„איבערפלאנץ" איז א זאמלונג פון זיבן נאוועלן. די לעצטע דערציילונגען, די סאמע גרעסטע אין בוך — טראגט דעם נאמען „איבערפלאנץ", וואס דאס איז שוין אויך דער נאמען פארן גאנצן בוך. אין דער ערשטער דערציילונג „אויף די פעלדער פון שרונה" שילדערט דער מחבר א צוריקגעקומענעם זעל־נער, יאנקל פיורקע, פון דער מלחמה. געקומען איז ער א אינוואליד. צוערשט איז ער אוועק אין קריג נקמה נעמען פאר זיין ווייב און קינד, וועלכע זענען ערב דעם קריג, געפארן זיך זען אין פוילן מיט איר משפחה — און דארט זענען זיי שוין פארבליבן ביי די נאצישע מערדער. יאנקל פיורקע קומט צו זיינעם א פעטער, א בעל־עגלה, וועלכער איז פאר אים געטריי ווי צו אן אייגן קינד. אין דעם פעטער קאכט אויף, איטלעכס מאל, דער כעס, ווען ער פארט פארביי די מאראנער דייטשישע ניטער ביי תל־אביב. דער דראנג צו נקמה פון די נאצישע מערדער — און פאר איין וועג אפצונעמען נקמה פאר יאנקל פיורקען, דעם אינוואליד — דערגייט צו דעם קולמינאציע־פונקט, ווען יידן לויפן כאפן פלעצער פון די מאראנער דייטשישע ניטער. דער פעטער פארכאפט א פלאץ פאר פיורקען. און דער לעצטער בלייבט וואכן דעם חלק ערד. וואס ווי דער פעטער האט אים פארזיכערט, אז קיינער וועט אים נישט מסיג גבול זיין. אבער אויף צומארגנס איז יאנקל פיורקע פארטריבן געווארן

* א. ריוועס: איבערפלאנץ. דערציילונגען. ארויסגעגעבן פון „יידישן ליטעראטן קלוב", תל־אביב. 1048.

דורך דער ענגלישער פאָליציי פון דעם חלק ערד, וואָס דער פעטער האָט פאַר נעמען פון דייטש.

„טרעבלינקע", די צווייטע דערציילונג געשטאַלטיקט די צענטראַלע פיגור, חיים איטשע, אַ געשעפטס־פירער אין אַ ציגעלניע אין פוילן. דער באַלעבאָס זיינער, אַ שטאָט־פרנס און ציוניסטישער עסקן, וואָס באַנוגנט זיך, אַז אַנדערע ייִדן פאָרן קיין ארץ־ישראל — און ער אַליין איז זאַט מיט זיינע געשעפטן אין פוילן. ביי חיים־איטשען איז איין זון אַריינגעצויגען געוואָרן אין די קאָמוניסטישע רייען און נאָך אָפּזיצן יאָרן אין תפיסה, אַנטלויפט ער קיין אויסלאַנד — דערנאָך אין ביראָבידזשאַן. דער צווייטער זון ווערט אַ חלוץ און פאָרט קיין ארץ־ישראל. היטלער איבערפאַלט פוילן. דער סוף פון חיים איטשען מיט זיין פאַמיליע איז: „טרעבלינקע". נאָכן אויפשטאַנד אין טויטן-לאַגער „טרעבלינקע" געלינגט חיים־איטשען צו אַנטלויפן אין וואַלד — און פון דאָרט אין נאָענטן דאָרף צו זיינעם אַ פויער וואָס האָט געאַרבעט אין ציגעלניע. דער פויער באַהאַלט אים אויס חדשים אין קאַרטאָפל־גרוב, און דאָרט פייניקט ער זיך מיט זיין דערשיטערטן גורל, מיט די אָפטע וויזיעס פון זיין ווייב, וואָס ווערט פאַרברענט אויף די שייטערן אין טרבעלינקע. חיים איטשע אַנטפלעקט זיך איצט אויף דער פרייער וועלט מיטן אָנקומען פון דער רויטער אַרמיי. דער פויער, זיין מלאך הגואל קען נישט לינדערן זיין איינזאַמקייט, ער בענקט נאָך זיינע קינדער איבער דער ברייטער וועלט און אומגעריכט אַנטפלעקט זיך פאַר אים זיין זון, דער רויט־אַרמייער. די באַגעגעניש איז אַ דערשיטערנדיקע. דער זון דערוויסט זיך פון טאַטן, אַז דער מאַמען האָבן די נאַצים פאַרברענט אין „טרעבלינקע". ער שטייט אָן אין טאַטן, ער זאָל אים ווייזן דעם טויטן־פעלד פון „טרעבלינקע". די פעלדער זענען געווען פאַר־אַקערט, צונויפגעשיט מיטן אַש פון פאַרברענטע עדות ייִדן. זיי האָבן דער־הערט די שטים פון דער מאַמען, וואָס האָט גערופן: נ י י ט נ ע מ ט נ ק מ ה !

„אין קלעם". אין דער ווייטערדיקער דערציילונג, זעען מיר שוין ווידער אַן אַנדער פאָליאַק, אַ דעמאָבילירטן זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי אין ארץ־ישראל. להפך צו דעם פויער פון „טרעבלינקע" וואָס האָט געראַטעוועט אַ ייִדן פון טויט, איז דער גוי „אין קלעם" אַ ייִדן-פרעסער. און להכעיס וואוינט ער דוקא אין אַ ייִדיש הויז און ער איז ווירקלעך אין קלעם צווישן בלויז ייִדן, אין אַזאַ ייִדישע שטאָט ווי תל־אביב — און דאָס ברענגט אים תמיד אַרויס פון די כלים. שלום מאַכט ער נאַר מיט אַ ייִדיש פלעשל משקה, דאָס לעשט אים די שנאה צו ייִדן, און אַ בגלופינדיקן מצב דוכט זיך אים אַליין, אַז ער זעט די זעלבע ייִדן, ווי ביי זיך אין זיין פויליש שטעטל, און ער זעט זיך פאַר דעם זעלבן שטייער־מאַנער און תקיף, וואָס פלעגט רייסן שטייערן פון די ייִדישע סוחרים. בפרט אַז ער האָט דערקענט אַ שטעטלשן ייִדן, אַ סוחר — גראָד אַ שותף פון דעם ווירט וואו ער וואוינט ביי אים אין הויז. אין דעם געוויש פון אַלקאָהאָל פאַרפלאָנטערט זיך אַלץ ביי אים



אין אַ יש מאין. דאָס גרויס־האַלטעריי פון אַ שטייער־מאַנער באַקומט ביי אים פליגל, קפיצת־הדרך. ער פאַלט אַריין אַ פאַרשנאַיקעטער צום סוחר אין מאַגאַזין און צודולטערהייט הויבט ער אָן שלעפן שטיקער שטאָף פון דער פאָליצע — צינזען פאַר דער פוילישער מלוכה!

די ווייטערדיקע דערציילונגען „פלאַמען", „דער בעל תשובה", „זאַמדן" און „איבערפלאַנץ" — דאָס זענען שאַפונגען וואָס נעמען אין זיך אַריין די היינטצייטיקע פראָבלעמאַטיק, העראָאיזם, דאָס קאָלעקטיווע צונויפלעבן זיך פון דער קבוצה. עס קומט אין זיי דער אויסדרוק פון אַרבעטס־ריטם, פון מי און מאַטער, דער דראַנג אויפצובויען אַ אייגן לאַנד.

אָט איז די דערציילונג „פלאַמען" אַ אָפּשפיגלונג פון אַ גלות־ייִד, וואָס קומט צו זיין טאָכטער אין קיבוץ. ער קומט נישט סתם, ווי עלטערן אויף די קעסט פון זייערע קינדער, פון בשותפותדיקן קאָלעקטיוו; ער קומט ווי איינער, וואָס וויל זיך איינפלעכטן אין קיבוצישער אַרבעט, ווערן אַ גלייכער מיטגליד מיט אַלעמען. בערקע דער פאַסטוך פון קיבוץ, באַציט זיך מיט חשד און איראָניע צו אַזאַ באַיאָרטן ייִדן, וואָס וועט פאַלן צו לאַסט פון קאָלעקטיוו. זיין נעגאַטיווע באַציאונג קומט אפשר מחמת דעם וואָס ער ליבט גיטעלען, די טאָכטער פון דעם ייִדן — און זי האָט זיך גראָד פאַרבונדן מיט אַן אַנדערן יונגערמאַן פון קיבוץ. מיר זעען אָט דעם טיכטיקן אַרבעטס־לוסטיקן באַיאָרטן אַרבעטסמאַן פאַרפלאָכטן אין אַלע שעפעריש פראָדוקטיווע ווינקעלעך פון דאָרף, אַזוי ווייט און ברייט, ביז ער געווינט דעם צוטרוי פון די יונגע חברים — און ער ווערט אַריינגעצויגן אין די פאַרטיידיקונגס־רייען. מיט אַ ביקס אין האַנט שלאָגט ער אָפּ אַן אַטאַקע פון אַראַבישע אָנפאַלער אויפן דאָרף. בערקע, דער פאַסטוך, דער סקעפטיקער אין גיטעלעס טאַטן, דריקט אַ גערירטער די האַנט פון העלדישן מאַן, און אַזוי אַרום וואַשט ער פון זיך אָפּ דעם פלעק פון זיין פאַרפירטן געוויסן. און איז שוין פאַראייניקנס אויך מוחל גיטעלען, וואָס זי האָט אים פאַרראַטן.

אין „בעל־תשובה" זעען מיר שוין אַן אַנדער ייִדן, וואָס קומט צו זיינעם אַ זון אין תל־אביב. דער זון איז לכתחילה געפאָרן אין ארץ־ישראל אַלס חלוץ, אידעאַליסט, בויען שאָסייען, טרוקענען זומפן, אָבער ער איז נכשל געוואָרן אין גאַנג פון שטאָטישן לעבן, און אים האָט זיך אָפּגעהיטן דער אַטאַוויזם פון טאַטן, דעם גביר. וואָס איז להוט געווען אַלע זיינע יאָרן צו עקספּלואַטאַציע און געלט־גייציקייט. דער טאַטע, אַ יורד פון געוועזענע גיטער און רייכטום, קומט קענען זיין ווילן צו זיין זון דעם אויפגעקומענעם גביר און גרויסן קבלן. דעם טאַטן שטייט נישט אָן דעם זונס גליקן. ער זעט זיך ווי איבעריק אין דעם נייעם רוישיקן שטאָטישן לעבן. דאָרט אין פוילן האָט ער געהאַט צופיל אויף זיין גבירישן געוויסן. מ'האָט זיך צו אים געלאָזן פון אַלע זייטן. באַזונדער האָט ער זיך געזען שולדיק אין דעם אומגליקליכן פאַל וואָס האָט געטראָפן ביי אים אין דאַמף־מיל. זיינס אַ „מענטש", אַן אַרבעטער, איז פאַרשלעפט געוואָרן אין דער טראַנסמיסיע. און אַ פאַטאַלער צופאַל האָט אים צונויפגע־

פירט מיט אַ זון פון אַט דעם אומגעקומענעם אַרבעטער ביי זיין זונס נעבײַדע, וואו ער איז דאָרט גערוען אַ ציגל־טרעגער. די פיינלעכע אומגליקס־געשיכטע פון אַמאָל האָט זיך פאַר אים, שוין אַ צעבראָכענעם דערשיטערטן טאָן, ווידער איבערגעחזרט. ער האָט אין זיין זון געזען אַ המשך פון זיך אַליין. ער וויל אָבער ווערן אַ בעל־תשובה, ער האָט חרטה פאַר זיין פאַרגאַנגענהייט. — דער ציגל־טרעגער האָט אים ווידער צוגעוואָרפן, ווי אַ קטיגור, די האַרבע באַשולדיקונג פון זיין עבר — און פון זונס אכזריות.

די לעצטע צוויי דערציילונגען „זאַמדן" און „איבערפלאַנץ" רעפּרעזענטירן מיט זיך דאָס היינטיקע אַרבעטנדיקע ארץ־ישראל. באַזונדער „איבערפלאַנץ" פאַרמאָגט אין זיך די ראשי פּרקים פון דעם ארץ־ישראלדיקן ראָמאַן, וואָס איז ביז איצט נאָכנישט בנמצא אפילו אין דער נייער העבראַישער ליטעראַטור. אין דער דערציילונג גייען אַדורך אַ גאַלעריע מיט טיפּן מיט זייער מעלות און שוואַכקייטן, פּונקט אַזוי ווי עס איז פאַרשידנפאַרביק דער קיבוץ־גלויות דאָ אין לאַנד. וועגן דער דאָזיקער גרויסער דערציילונג פאָדערט זיך צו געבן אַ גרונטלעכע אָפּשאַצונג, כדי צו אַנאַליזירן די מאָטיוון און גאַנג פון דעם ספּור המעשה. אין די ראַמען פון איצטיקן אַרטיקל וועלן מיר שוין נישט קענען דאָס דורכפירן — און דאָס וועט פאַרגעזעצט ווערן אַ צווייטס מאָל.

## א. מ. פוקס

# נאַציאָנאַלע יוגנט

עס איז דאָס ערשטע מאָל זינט נייַנצענהונדערט יאָר גלות־געשיכטע, פון זינט דעם בר־כוכבא אויפשטאַנד, אַז די יוגנט פונם יידישן פאָלק שטייט ווידער אין ארץ ישראל אין אַ מלחמה פאַרן לאַנד באַזיץ און קיום האומה.

נאָר נישט דאָס אַליין איז דער וואונדער פון דעם היסטאָרישן געשען. ווייל אַזוי איז דער סדר עולם. ביי אַלע פעלקער אין זייערע לענדער איז תמיד די יוגנט דער אַוואַנגאַרד פון נאַציאָנאַלן לעבן און עקזיסטענץ קאַמף. דאָס יידישע פאָלק אין ארץ ישראל איז אין זיין נאָרמאַלן נאַציאָנאַל לעבן זיכער נישט קיין יוצא מן הכלל. די יידישע יוגנט קעמפט העראָאיש פאַר איר היים־געליבטער מולדת, אין דער נאַציאָנאַלער אַרמיי פון דער הגנה, צו באַשיצן אויפצובויען און צו זיכערן די יידישע מדינה קעגן אַ וועלט פון מוראדיקע שונאים, באמת מיט ווייניקער מאַטעריעלע מעגלעכקייטן, ווי אַ נאַציאָנאַלע מלחמה פאָדערט דאָס ביי אַנדערע פעלקער, אָבער קאָמפּענזירט מיט אַ גרעסערן גייסטיקן כח, צוליב אונזער ספּעציפיש יידישן מצב.

נאָר דער עיקר פון דעם גאַנצן געשען ליגט ביי אונז גאָר אין אַ אַנדערער ספער, וואָס האָט לגמרי נישט קיין גלייכן צום נאָרמאַלן פעלקער־לעבן און שטייט, אַזוי צו זאָגן מחוץ למחנה פונם סדר עולם.



עס איז דער נס ציון אין זיך. דער גרויסער וואונדער פון דער נאַציאָנאַלער דערלייזונג טאָט אין איר אינערלעכסטן מהות, אַז און דער היסטאָרישער גלות־טראַגעדיע האָט בכלל נאָך געקאָנט אַרויסקומען אַ נאַציאָנאַל באַוואוסטזיניקע יוגנט וואָס זאָל מסוגל זיין צו קעמפן פאַר אונזער לאַנד און גרינטפעסטיקן די דריטע יידישע מלוכה.

איך מוז מודה זיין דאָס איך קאָן נישט זען אין דעם געוואַלטיקן געשען קיין נאַטירלעכע אַנטוויקלונג, סיידן טאַקע אַז משיח איז געקומען — —

האָט זיך דאָך פאַר אונזערע נעפּינצטערטע אויגן אָפּגעשפּילט דער לעצטער מוראדיקער אַקט פון אונזער היסטאָרישער גלות טראַגעדיע. האָבן מיר דאָך געזען דעם בלוטיקן אויפלייז פון יידישן גלות לעבן אין פייערדיקן אָפּגרונט פון דער היטלער קאַטאַסטראָפע, וואו אונזער יוגנט איז פאַרשלונגען געוואָרן אינאיינעם מיטן פאָלק.

און דאָ ווערט געעמט אונזער אָטעם פון ביטערן צער און צאָרן. ווייל מיר האָבן בעת דער לעצטער תקופה פון גלות־לעבן געהאַט אַ גרויסע מאַסן יוגנט, וועלכע וואָלט געוועזן געקאָנט אויפבויען, און אויסקעמפן אונזער לאַנד און זיכערן איר לעבן און די נאַציאָנאַלע צוקונפט פון פאָלק. אַ מיליאָנען מאַסע איז עס געוועזן, עפּעס טאַקע ווי פון גוטן גורל אַליין באַשטימט פאַר דעם גרויסן ווערק גרייט פאַר דער גרויסער שעה פון נאַציאָנאַלער באַפרייאונג. מען האָט זי באַדאַרפט גוט אָנקוקן, מען האָט זי באַדאַרפט גוט קענען, די יידישע יוגנט פון אונזער צייט הן אין גייסטיקן הן אין רעאַלן זינען.

ווי געזונט און לעבנספרייידיק, ווי אינטעליגענט און אידעאַליסטיש, ווי העראָאיש און פאָלקסטימלעך, איז עס אונזער יוגנט געוועזן און דער פאַרבליבענער רעשטל פון איר איז עס נאָך עד היום אַזוי. ווער עס וועט היינט אין אונזער גרויסן צער זאָגן, אַז דאָס יידנטום פון אונזער תקופה איז אַזאַ טייערע יוגנט נישט ווערט געוועזן, וועט זיכער זאָגן דעם ביטערן נאָר ריינעם אמת.

ווייל עס איז געוועזן די דורותדיקע פאַרבלענדונג און פאָלקס־פאַרפירונג פון דעם פאַטאַלן גלות גייסט, וואָס האָט אַזוי טראַגיש פאַרטאַבליעוועט אונזער נאַציאָנאַלע יוגנט.

ווען די נאַציאָנאַלע דערלייזונג באַוועגונג פונם הערצליאַנישן ציוניזם האָט ביים סוף פון נייַנצעטן און אין אָנהויב פון אונזער טראַגישן יאָרהונדערט גערופן אונזער יוגנט צו חלוציות, אין א"י, אויפצובויען דאָס לאַנד פון די אבות, האָט בלויז אַ קליינער טייל פון איר, בלויז אַ קליינע צאָל נביאיש־באַגייסטערטע יחידי סגולה דערהערט דעם געשיכטלעכן רוף פון דער אַקטיוור־נאַציאָנאַלער דערהויבונג און עולה געווען אין לאַנד און אויפגעבויט דעם נייעם בליענדיקן ישוב. די גרויסע מאַסע פון דער יידישער יוגנט אָבער איז דעמאָלט געבליבן גלייכגילטיק. נאָך ערגער. זי איז געוועזן פיינטלעך געשטימט לגבי דעם נאַציאָנאַלן אידעאַל און אין די מזרח־אייראָפּעאישע לענדער האָט זי אפילו אַגרעסיוו באַקעמפט דעם ציוניזם.

נאָר דאָס איז נישט געווען די שולד פון דער יוגנט. עס איז געווען די שולד פון דער פאַלשער דערציאונג. די שולד פון די פאַרפירער, פעלשער. און פאַרדאַרבער, די שולד פון אומנאַרמאַלן גלות לעבן.

ווייל די יידישע יוגנט האָט איר אידעאַליזם און העראָאישן קאַמף־מוט גוט און גענוג באַוויזן. זי האָט געקעמפט אויף אַלע באַריקאַדן, פול געווען אין אַלע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען. אָנגעפילט די תפיסות פון אַלע גלות־לענדער פאַרבלענדט אָבער ערלעך און זי האָט באַגייסטערט אָפּגעגעבן איר בלוט און לעבן אירע פעאיקייטן און כוחות פאַר דער פרייקייט און רעכט פון פרעמדע שנאהדיקע פעלקער, וועלכע האָבן איר אגב באַלד אָבגעצאָלט פאַר דער טובה מיט רדיפות און טויט.

אַלע עבודה זרות. האָבן דאָך די גלות רעמאַגאָגן געלערנט די יוגנט צו דינען נאָר נישט דעם אייגענעם פאָלק, אַלע פרעמדע וויינגערטנער אָפּצוהיטן, נאָר נישט דעם אייגענעם, דעם נאַציאָנאַלן קיום. די באַרענלאָזיקייט פון יידישן לעבן, די הימלאָזיקייט פון פאָלק און די גאַנצע לאַסט פון דער גלות טראַגעדיע, האָט די יוגנט מיט איר עמפינדלעכער נשמה און שטאָלצן זינען, מער געמוזט פילן ווי דער עלטערער דור. דעריבער האָט דער נאַציאָנאַלער דערלייזונג אידעאַל פונם הערצליאַנישן ציוניזם, דער יידישער פאַטריאָטיזם, אויף אַ נאַטירלעכן אופן געמוזט שטאַרקער אַפּעלירן צו דער אידעאַליסטישער יוגנט. ווי צי דעם עלטערן דור, וואָס איז געווען פאַרקנעכטעט אין מאַטעריעלער חיהשער עקזיסטענץ. נאָר די פאַרפירונג פונם גלות גייסט איז געווען שטאַרקער ווי דער יוגנטלעכער באַפרייאונג ווילן. ער האָט געלאַקערט מיט אַסימילאַציע און געווירקט אויף דער נאַטירלעכער גלויביקייט פון דער יוגנט מיט אַלערליי אילוזיעס און בלומרשטע ווערטן. ער האָט זי פאַרכאַפּט דאָ אין מיסטישן טומל און געפעלשטע אידייען, דאָ אין פוסטן רומל פון ווילדע פאַר־טיי־שטרייטן, ביז וואַנען דער נאַציאָנאַלער און גרעסטער טייל יוגנט איז דערדריקט און דערשטיקט געוואָרן.

ערשט אין דער סאַמע לעצטער צייט, ערשט אין לעצטן צענדליג יאָר, ערב דעם היטלער חורבן, האָט זיך אונזער יוגנט דורכגעבראָכן אַ וועג צום נאַציאָנאַלן דערלייזונג אידעאַל פונם הערצליאַנישן ציוניזם און אָנגעהויבן אין גרעסערע צאָלן עולה צו זיין אין לאַנד.

נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט אז די גאַנצע מאַסע זאָל זיך ראַטעווען פון אומקום. די קלעמען זענען געוואָרן אַלץ ענגער און דער אַפּגרונט אונטער די פיס אַלץ מער אויפגעריסן.

ערשט היינט זען מיר וואָס אונזער יוגנט האָט פאַר אונז באַטייט, וואָס מיר האָבן אין איר פאַרמאָגט און וואָס מיר האָבן פאַרלוירן....

אין די געטאָס און וועלדער איז געווען דער לעצטער פלאַקער פונם קאַמף גייסט פון אונזער יוגנט. אין די געטאָ קעלערס און אונטערגרונט, אין די באַ־העלטענישן פון די אַנטרינענע, אין די בלוטיקע נעגל פונם טויט־פיינט, אין פנים פון אויסראָטונג און טויט, האָט דער רעשטל פון אונזער פאַרלוירענער



יונגט, זיך מיט ציין און נעגל דערהויבן צום קאַמף פאַרן כבוד פונם אונטער־גייענדיקן פאָלק. עס איז געווען דער גייסט פון די געטאָ קעמפער און פאַר־טיזאַנער וואָס האָט אויפגעשטורעמט מיט בלוט און פייער קעגן דעם שונא דעם מעכטיקן דייטש.

„זאָג נישט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג.
קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה
ס'וועט אַ קלאַפּ טאָן אונזער טראָט: מיר זענען דאָ!

פון גרינעם פּאַלמענלאַנד ביז ווייסן לאַנד פון שניי
מיר זענען דאָ מיט אונזער פּיין, מיט אונזער וויי.
און וואו געפאַלן איז אַ טראָפּ פון אונזער בלוט
שפּראָצן וועט דאָרט אונזער גבורה, אונזער מוט.

ס'וועט די מאָרגן־זון פאַרגילדן אונז דעם היינט
אונזער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט
און אויב פאַרזאַמען וועט די זון און דער קאַיאָר
ווי אַ פּאַראָל זאָל זיין דאָס ליד פון דור צו דור.

געשריבן איז דאָס ליד מיט בלוט און נישט מיט בליי
ס'איז נישט קיין לידל פון אַ פויגל אויף דער פריי
נאָר ס'האָט אַ פאָלק צווישן פאַלנדיקע ווענט
דאָס ליד געזונגען מיט נאַגאַנעס אין די הענט.

טאָ זאָג נישט קיינמאָל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג.
הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג
קומען וועט נאָך אונזער אויסגעבענקטע שעה
ס'וועט אַ קלאַפּ טאָן אונזער טראָט: מיר זענען דאָ!

(ה. גליק, ליד פון די פּאַרטיזאַנער.)

עס איז געווען די אויפשטאַנדן, גבורה און דער העראָאישער קאַמף גייסט פון אונזער יוגנט וואָס האָט נישט פאַרלאָזן דאָס אומגליקלעכע פאָלק אין די שווערסטע מאָמענטן פון טויטלעכן געראַנגל.

„אונזער ליד איז פול מיט טרויער,
דרייסט איז אונזער מונטער גאַנג —
כאָטש דער שונא וואַרט ביים טויער,
שטורמט יוגנט מיט געזאַנג:

ווער עס וואַקלט אום אויף וועגן,
ווער מיט דרייסטקייט שטעלט זיין פוס
ברענגט די יוגנט זיי אַנטקעגן
פון דעם געטאָ אַ גרוס.

מיר געדענקען אַלע שונאים,
מיר געדענקען אַלע פריינד,
אייביק וועלן מיר פאַרבינדן
אונזער נעכטן מיטן היינט."

(ש. קאַטשערגינסקי.)

נאָר נישט מער שוין האָט דאָס אומקומענדיקע גלות פאָלק געהאַט אין די געטאָס, ווי נאָר אַ רעשטל פאַרבליבענע יוגנט. ווי ליב און טייער און שיין און טרייסטענדיק האָבן עס געמוזט זיין די מוטיקע יינגלעך און מיידלעך פון דעם אונטערגרונט און פון די וועלדער אין די אויגן פון די פאַרלוירענע געטאָ ייִדן, וואָס זענען כסדר געווען אין די בלוטיקע נעגל פון דייטשע מערדער־פייניקער, כסדר אין טויט שרעק, כסדר אין נקמה־דורשט:

„שטיל, די נאַכט איז אויסגעשטערנט
און דער פראָסט האָט שטאַרק געברענט.
צי געדענקסטו ווי איך האָב דיך געלערנט
צו האַלטן אַ „שפּייער“ אין די הענט? —

אַ מויד, אַ פּעלצל און אַ בערעט
און האַלט אין האַנט פעסט אַ נאַגאַן
אַ מויד מיט אַ סאַמעטענעם פּנים
היט אָפּ דעם שונאס קאַראַוואַן.

געצילט, געשאָסן און געטראָפן
האָט איר קליינינקער פּיסטויל
אַן אויטאָ, אַ פולינקער מיט וואָפן —
פאַרהאַלטן האָט זי מיט איר קויל.

פאַרטאָג פון וואַלד אַרויסגעקראָכן
מיט שניי־גירלאַנדן אויף די האָר,
געמוטיקט פון קליינינקן נצחון
פאַר אונזער נייעם, פרייעם דור—“ (געטאָ ליד.)

(די לידער אין דעם אַרטיקל זענען ציטירט פון ד״ר מאַרק דוואָרזשעצקי׳ס בוך „ירושלים דליטא אין קאַמף און אומקום“. דערשינען לעצטנס אין פּאַריז.)

הײַנט איז דער גרויסער היסטאָרישער מאָמענט פון אונזער יוגנט, אויף וועלכער מיר לייגן ווידער אונזער גאַנצע האָפנונג. הייַנט נאָך דער היטלער קאַטאַסטראָפע פונם גלות יידנטום, איז עס דער אַנטשיידענער מאָמענט, וואָס רופט דעם ניצל געוואָרענעם רעשטל פון אונזער טראַגיש־אומגעקומענער יוגנט צו דער נאַציאָנאַלער פליכט דערפילונג אין ארץ ישראל, אין דער יידישער מדינה אויף אונזער אייגענער ערד איז דער פראָנט פון דער אַנטשיידענער מלחמה פאַר אונזער לאַנד, פאַר אונזער לעבן און פאַרן קיום פון יידישן פאָלק.

דער אידעאַליסטישער פאַרטיזאַנער גייסט פון די געטאָס און וועלדער האָט געוואַלטיק געשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזיין פון אונזער יוגנט. הײַנט איז ביי אונז נישטאָ מער קיין שום סאָציאַלע פּאָליטישע פאַרטייאיש מניעות וואָס זאָל מעגן און קענען אָפּהאַלטן אונזער יוגנט פון איר נאַציאָנאַלער פליכט דערפילונג, ווייל אונזערע דם שונאים, די נעכטיקע און די הייַנטיקע, אין אַלע לאַגערן פון אָפענעם צו פאַרשטעלטן פאַשיזם, זענען די זעלבע און זייער פינסטערער ציל צו פאַרטיליקן דאָס יידישע פאָלק פונם פּנים פון דער ערד, איז דערזעלבער.



אונזער יוגנט איז הייַנט גייסטיק באַפרייט און זעלבסטשטענדיק. זי איז זיך באַוואוסט איר כח און שליחות אין דער ענדליכער נאַציאָנאַלער דערקענטניש אַז מיטן נצחון אין ארץ ישראל וועט זי אויך געווינען אַ באַזע אין פראָנט קאַמף פאַר אוניווערזעלען הומאַניזם און פרייהייט, לויט די גייסטיקע טראַדיציעס פונם יידישן געשיכטלעכן אידעאַליזם.

## יוסף פרענקל

## „דער ניינצענטער אַפּריל“

אין די מאָרגנשעהן פון דעם 19 אַפּריל, 1943, האָט אָנגעהויבן דער לעצטער אַקט פון דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ קעגן דעם שונא פון דער מענטשהייט.

יידישע זעלנער האָבן געדינט אין די אַרמייען פון אַלע דעמאָקראַטישע לענדער און זיינען געפאַלן אין קאַמף קעגן נאַציזם. די יידישע סאָלדאַטן, פּילאָטן, מאַטראָזן, אויפן לאַנד, אין דער לופט, אויפן ים און אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, האָבן איבעראַל געצאָלט מיט זייער בלוט. און אַ חוץ די, וואָס זענען געפאַלן אויף אַלע פראָנטן, האָבן מיר פאַרלוירן זעקס מיליאָן יידן, אַ דריטל פון אונזער פאָלק. די צאָל פון אונזערע טויטע איז אין פאַרגלייך גרעסער פון די פאַרלוסטן פון די אַלע נאַציאָנען, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם זעקס־יאָריקן קריג קעגן דעם „דריטן רייך“.

דאָס מעכטיק באַוואָפנטע דייטשלאַנד מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 80 מיליאָן האָט באַשלאָסן, צו פאַרניכטן די אומבאַוואָפנטע יידישע מענער, פרויען און קינדער, זיי צו באַרויבן, צו דערמאָרדן, צו פאַרגאַזן, נישט אין אַ גלייכן קאַמף, נאָר מיט אַ קאַלט־בלוטיקע פּחדנישע אויסרעכנונג, מיט אַ טייוועלשן ליגן און מיט „טויטאָנישע“ מאַסקע. אַלץ איז געטאָן געוואָרן נאָך אַ דייטשן פּלאַן. די בלאָנדע דייטשן מיט די „בלויע אויגן“ האָבן פרייגעלאָזן זייערע בעסטיאַלישע אייגנשאַפטן. וואַרפענדיק לעבעדיקע קינדער און עלטערע מענטשן אויף די ברענענדיקע שייטערהויפנס און נאָך דעם שרעקליכן אַקט צו פאַרווישן אַלע שפּורן פון דעם מאָרד.

יידן פון מערב אייראָפּע זיינען דעפּאָרטירט געוואָרן נאָך מזרח. זיי זענען ענטרעכט געוואָרן, פאַרשקלאַפט, אינטערנירט, איינגעשלאָסן אין געטאָס און סיסטעמאַטיש פאַרניכטעט. די יורשים פון געטע און שילער, פון רויכלין און לוטער, פון באַך און דירער, זיינען געוואָרן פאַרברעכער. די זינגער פון „דייטשע עקרע“ האָבן דערפינדן ראַסן־האַס, וואָס האָט דערפירט צו ראַסן־מאָרד זייערע סאַדיסטישע באַפרידיקונג האָבן זיי געזעטיקט מיט מאַסן־מאָרד. אין טרעבלינקע, מיידאַנעק, טרעבלינקע, אוישוויץ, לובלין — איבעראַל האָט די דייטשע חיה געדערשט אין די יידן, וועלכע האָבן פאַרקינדעט דער וועלט „דו זאָלסט נישט הרגענען“. האָבן נישט געקאָנט און נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס

אין מעגלעך ווען זיי האָבן צום סוף געזען דעם שרעקלעכן אמת, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן. די געפאַנגענע אין די געטאָס און אין די לאַגערן האָבן רעוואָלטירט און עס זענען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן אין ביאַליסטאָק, טרעבלינקע, אוישוויץ, קראָקע און טשענסטאָכאָוו. דער שווערסטער, ביטערסטער און בלוטיקסטער קאַמף איז געווען אין וואַרשע. אין אַפּריל 1943 האָט דאָס וואַרשעווער געטאָ געהאַט 30,000 „לעגאַלע" און 30,000 „אומלעגאַלע" ייִדן. „אומלעגאַלע" זיינען געווען די, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין געטאָ און זיך נישט רעגיסטרירט פאַר דעפּאָרטאַציע. בלויז אין די מאָנאַטן פון יולי ביז סעפּטעמבער 1942 זיינען אַ פערטל מיליאָן ייִדן געווען דעפּאָרטירט פון וואַרשעווער געטאָ און דעפּאָרטאַציע האָט געמיינט צו די גאַז־קאַמערן.

אין יאַנואַר 1943 האָבן די נאַציס געוואָלט ליקווידירן דאָס געטאָ און אַלע ייִדן דעפּאָרטירן. אָבער די ייִדן זיינען נישט מער געווען גענאַרט פון פאַלשע דייטשישע צוזאָגן. זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט. ציוניסטן און אַנטי־ציוניסטן, מזרח־ייִדן און מערב־ייִדן, אַרבייטער, חלוצים און חסידים, האָבן פאַר דעם ערשטן מאָל באַשלאָסן, צו פאָרמירן אַ פאַראייניקטן כוח, כדי צו אָרגאַניזירן אַ געמיינזאַמען ווידערשטאַנד. באַריקאַדן זיינען געוואָרן אויפגעשטעלט, מינען זיינען געלייגט געוואָרן און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גאַסן־קאַמפן. ווען די ייִדן האָבן דערזען טויטע נאַציס, זיינען זיי געוואָרן פול פון קאַמפגייסט, פון אַ דאָרשט נאָך נקמה, — אַ פאַרלאַנג צו קעמפן פאַר פרייהייט און ערע, קעגן עמלק און רוצחים.

די „העלדישע" דייטשן זיינען געוואָרן איבעראַשט פון דעם ייִדישן ווידערשטאַנד. ייִדן אין געטאָ האָבן געדאַרפט פאַלן. אָבער שיסן? דאָס איז געווען אַ נייע שפּראַך, וואָס דער דייטש האָט געהאַלטן פאַר נישט מעגלעך. די דייטשן זיינען אַנטלאָפן פון דעם געטאָ, כדי צו ברענגען פאַרשטאַרקונגען פון דערבייאיקע ערטער, אַפילו פון ראַדאָם און קראָקע. טויזנטער סאָלדאַטן זיינען אַרויסגערופן געוואָרן קיין וואַרשע און אויך טאַנקען, קאַנאָנען און עראָפּלאַנען מיט באָמבען.

אָבער די ייִדישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט אויך נישט גערוט. דער „אַרישער" טייל פון וואַרשע און די פּוילישע אונטערערדישע באַוועגונג האָבן געשטיצט די ייִדן מיט ביקסן און גראַנאַטן. אַמוניציע פאַבריקן זיינען געשאַפן געוואָרן אין געטאָ. אין דריי מאָנאַטן איז דאָס גאַנצע געטאָ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פעסטונג, באַהערשט פון אַ מיליטערישער דיסציפּלין.

אין די פריע מאָרגנשעה'ן פון 19־טן אַפּריל 1943 האָבן די דייטשן, פאַרשטאַרקט מיט אוקראַינישע, ליטווישע און עסטאָנישע סאָלדאַטן, אַרומגערינגלט דאָס געטאָ און די היסטאָרישע שלאַכט האָט זיך אָנגעהויבן. די ייִדן — אַלע ייִדן — האָבן געשטעלט אַ העראָאישן ווידערשטאַנד און געמאַכט קעגן־אַנגריפן אויף זייערע שונאים. הונדערטער דייטשן האָבן זייערע לעבנס פאַרלוירן און הונדערטער זיינען געוואָרן פאַרוואונדעט. טויטע נאַציס האָבן „פאַרזאָרגט" די ייִדן מיט געווער.



די שווער באַוואָפנטע דייטשע זעלנער זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון געטאָ. די ייִדן האָבן גענומען נקמה — אַלע האָבן זיך באַטייליקט, פרויען, קינדער, עלטערע מענטשן, מיט געווער אָדער אָן געווער. די בלוטיקע שלאַכט האָט זיך געשלעפּט פאַר טעג. צענדליקער טויזנטער ייִדן זיינען געפאַלן, אָבער אויך נאַציס, ס.ס.־מענער, אוקראַינישע און ליטווישע אַנטיסעמיטן.

אַ צווייטן מאָל זיינען די פאַרברעכער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דעם געטאָ און נאָכאַמאָל האָבן זיי באַקומען פאַרשטאַרקונגען. מער באָמבעס, מער עראָפּלאַנען. נאָר די ייִדן האָבן נישט באַקומען קיין הילף פון די דעמאָקראַטישע לענדער.

נאָר טריט ביי טריט איז עס די נאַציס געלונגען, אין געטאָ אַריינצוקומען. זיי האָבן באַפעסטיקט זייער זיג מיט פייער. הויז נאָך הויז, אַלע הייזער, זיינען מיט זייערע איינוואוינער געפאַלן קרבנות פון די פלאַמען. צום סוף האָבן די פירער פון דעם ייִדישן ווידערשטאַנד באַגאַנגען זעלבסט־מאָרד, כדי נישט צו ווערן געפאַנגענע פון די דייטשן.

דעם 8־טן מאַי 1943 איז די שלאַכט געווען אַריבער. דאָס ייִדישע וואַרשע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן — אַלץ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חורבות און אונטער דעם גליענדן אַש זיינען געלעגן די העלדן פון געטאָ.

ווען די ייִדן אין אַנדערע לאַגערן האָבן געהערט פונעם וואַרשעווער אויפשטאַנד, האָבן זיי אויך רעוואָלטירט קעגן זייער אונטערדריקער, נאָר די אַלע אויפשטאַנדן זיינען פאַרדעקט געוואָרן מיט פייער און בלוט.

אין אָנדענק פון דער שלאַכט, וואָס סימבאָליזירט די אַלע קאַמפן אין די געטאָס און אין די לאַגערן, איז אַ מצבה אויפגעשטעלט געוואָרן אין דעם וואַרשעווער געטאָ. דעם 19־טן אַפּריל 1948. ייִדן פון אַלע שאַטירונגען זיינען געווען פאַרטרעטן דורך פאַרשטייער פון ייִדישן וועלט קאָנגרעס און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, כדי אָפּצוגעבן כבוד אונזערע מאַטירער.

ייִדן פון דער גאַנצער וועלט וועלן עולה־רגל זיין צו דעם דענקמאָל, וואָס פאַרקערפּערט די 6 מיליאָן נאָמענלאָזע קרבנות פון אונזער פאָלק. פאַר אַ סך מענטשן וועט דאָס זיין די מצבה פאַר זייערע משפחות, וואָס זיינען אומגעקומען על קדוש־השם. נאָך וועמען זיי וועלן קדיש זאָגן.

פינף יאָר זיינען פאַרבייגעגאַנגען זייט דעם היסטאָרישן טאָג. דער טויט פון די 6 מיליאָן איז באַשריבן אין טרויער אין הונדערטער ביכער און אין טויזנטער לידער. דער ייִדישער קרבן וועט אַריינגיין אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט און אין דער געשיכטע פון די פעלקער. אַ נייער דור, פריי פון אַנטיסעמיטיזם, וועט דערוואַקסן און וועט פאָרטזעצן דעם קאַמף אַלס סימבאָל פון ערע קעגן שענדונג, פון ווירדע קעגן געמיינהייט, פון פרייהייט קעגן פאַרשקלאַפונג, פון גלייכהייט פון נאַציאָנען קעגן ראַסן־האַס, — דער קאַמף פון ייִדנטום קעגן נאַציזם....

# די הענט פון שמשון הגבור זיינען לאנג און שטארק

אין מיין ארטיקל פון פאַריקן חודש (נומער 99): „חרם-קללה מוז קומען אויף דייטשלאַנד און דייטשן!“ איז געווען באַריכטעט, אַז וויקטאָר גאָלאַנץ גייט אונז געבן (11 אַפּריל) אַ לעקציע אין „דזשודאַאיזם“. מיר ווילן האָבן יעצט דעם „פאַרגעניגן“ צו געבן פאַר אונזערע לעזער (לויטן „דזשואיש קראָניקל“, 16 אַפּריל, 1948), עטלעכע אויסצוגן, דאָס הייסט, דעם „קווינט־עסענץ“ פון גאָלאַנצעס לעקציע:

„אַ חוץ די יידישע אָרטאָדאָקסיע און די רעפאָרמערס“, זאָגט גאָלאַנץ, „קען מען איינטיילן די יידן אין 3 קלאַסן: 1) פאַגאַניסטן (געצן־דינער), 2) קאָמוניסטן, און 3) נאַציאָנאַליסטן“.

[ווער זיינען דאָס די יידישע פאַגאַניסטן...? — פאַלט מיר אויפן געדאַנק. אַז דאָס מוז גאָלאַנץ מיינען די יידן וואָס מאָנען אַ חרם־נקמה אָן די דייטשישע רוצחים. דער שרייבער פון די שורות, האָט באַקומען אַ בריוו פון גאָלאַנצן אַנרופנדיק אים: „געצן־דינער!“. אַזעלכע בריוו האָבן באַקומען פיל אַנדערע. די דאָזיקע יידן זיינען אים ווי שפּיזן אין זיין האַרצן... די נאַציאָנאַליסטן האָט גאָלאַנץ פיינט ווייל זיי זיינען „פאַשיסטן“ און „טעראָריסטן“. אויך די קאָמוניסטן קען גאָלאַנץ נישט „פאַרטראָגן“, הגם ער האָט מיט עטלעכע יאָרן צוריק, געשלעפּט די רויטע פאָן איבער די לאָנדאָנער גאַסן... היינט האָט ער די קאָמוניסטן פיינט, ווייל אַנדערש וואָלט ער דאָך נישט געקענט זיין קיין עקזעקוטיוו־מיטגליד פון „יונייטעד־דזשערמאַני“—פאַרדאָן—„יונייטעד־יוראָפּ“...]

„אין פאַרלויף פון איין גענעראַציע“ — זאָגט פאַר אַפּאָסטאָל גאָלאַנץ — „וועט די יידישע אָרטאָדאָקסיע פאַרשווינדן, אָפּשטאַרבן. און דער איינציקער וועג אויף צו דערהאַלטן די יידישע אידייע(?) איז, אַז די יידן דאַרפן זיך האַלטן ענטשלאָסן אָן די טערמינען פון דער מאָדערנער וועלט, אויסצובויען די „גאָט“־מלוכה („קינגדאָם אָף גאָד“) אויף דער ערד“...

„די יידן“ — זאָגט גאָלאַנץ — „מוזן אָננעמען דאָס וואָס זיי האָבן אָפּגעוואָרפן מיט 2000 יאָר צוריק; זיי דאַרפן אָננעמען מיטן גאַנצן האַרצן די... קריסטלעכע עטיק...“ [ווי דען אַנדערש? — די „עטיק“ פון די יידישע פייניקער; פון די „קרייץ־צוגלער“ און „האַקן־קרייצלער“; די מערדער פון מיליאָנען יידישע מענער פרויען און קינדער... אודאי, איז נאָך דאָ אַ מער „עטישערער וועג“...?—וו.]

„ער, (גאָלאַנץ), וויל, אַז די יידן זאָלן גיין צוריק צו דער צייט פון פאַר 2000 יאָר צוריק און ווערן אוניווערסאַליסטן. די יידן גייען שוין יעצט, זאָגט ער, אויף דעם דאָזיקן וועג; דער אידייען־וועג פון ‘טשעריטע’־צדקה (געלד קאַמפּיינען...). די דאָזיקע אידייע איז דער אויסגאַנג־פּונקט פון יעזוסעס לערע...“



אויב מיר האָבן ביז יעצט נישט געוואוסט וואָס „טשעריטע“ איז, ווייסן מיר שוין יעצט. — מען מעג אָפּטון אַלע שווינדלערייען; אויסזויגן ביי יענעם דאָס בלוט, אַרויסנעמען ביים שוואַכן אָדער אַרבעטער די נשמה מיטן לעבן, נאָר ווי באַלד מען גיט „טשעריטע“ פון אָנגערויבטן געלט ווערט אַלעס פאַרגעבן און גוט... און דאָס הייסט די „יעזוס לערע“...

איך וויל נאָך צוגעבן, דאָס וואָס דער „דזשואיש קראָניקל“ האָט נישט דערמאָנט. — גאָלאַנץ האָט זיך זער „שטאָלץ“ פאַרגעשטעלט אַלס „ציוניסט“. און דער עיקר העיקרים, דער תנאי קודם למעשה, איידער דאָס יידישע פאָלק נעמט אָן די „קריסטלעכע עטיק“ איז, אַז מיר יידן זאָלן זיך דערהויבן צו דער בחינה פון „מערסי“; מיר זאָלן רחמנות האָבן אויף די אָרעמע דייטשלעך, זיינע מחותנים, און העלפן אויפבויען דאָס גערמאַנערטום... און דאַן וועט זיין „שלום על ישראל“....

אָט טאַקע ווי דער אויסערן־מיניסטער בעווין דערקלערט (21 אַפּריל) אין פאַרלאַמענט, אַז ער גייט אַראָפּברענגען צענדליקער דייטשישע סטודענטן, וועלכע וועלן ווערן אויסגעהאַלטן אויף די ענגלישע אוניווערזיטעטן, אַ גאַנצן זומער, אויף מלוכה-קעסט... עס מעג קיין פּלאַץ ניט זיין פאַר אַנדערע... אָבער פאַר די דייטשן מוז זיין פּלאַץ אויף די ענגלישע אוניווערזיטעטן, זאָגט בעווין. ער מוז זיי, איינמאָל פאַר אַלע מאָל „אָנלערנען“, עס הייסט „אויסלערנען“...

האָט מיר טאַקע זער הנאה געטון, ווי אַ דייטשישער ייד האָט זיך געענטפערט מיט גאָלאַנצן. נאָך זיין „לעקציע“: „איך קום פון דייטשלאַנד, איך קען בעסער די דייטשן ווי איר, איר וועט די דייטשן קיינמאָל נישט אויסלערנען!“ — שרייט גאָלאַנץ צום ייד: „דו ביסט אַ פאַשיסט!“ שרייט דער ייד צו גאָלאַנצן: „דו ביסט אַליין אַ פאַשיסט!“...

און מיר זאָגן, נאָך מער ווי דאָס! ‘פאַשיסט’ איז ניט קיין באַצייכנונג פאַר גאָלאַנצן. [עס זיינען דאָ פיל „סאָציאַליסטן“, נאָך גרעסערע רשעים פון „פאַשיסטן“...] ווען אַ גאָלאַנץ וואָגט צו קומען צו אבלים, וואָס טרויערן נאָך זייערע גע’הרג’עטע משפחות און זאָגן צו זיי פאַרגעסט אייערע הרוגים און קושט די מערדער — אין דער צייט ווען ער אַליין האָט גאָרנישט געליטן — רופט איר דאָס „הומאַניזם“?! — הומאַניזם איז אויך ווען מען שאַנעוועט די געפילן פון די טויזנטער יידן, די דירעקט־געטראָפענע פון דער דייטשישער מאָרד־מאַשין! אָבער, ווען, כדי אויסצופיינען זיך פאַר די גויים, קריכט מען אַריין מיט די ברודיקע נעגל אין די שוואַרץ־אַפלען פון די אייגענע ברידער, וואָס זאָל דאָס הייסן? — עס איז דאָס עקעלסטע פון באַראַקטערלאָזיקייט, שפלות און אכזריות! דאָס קען נאָר באַווייזן אַ נפש וואָס האָט אַ ‘גייסט’ פון אַ רוצח...! און די אַלע נישט־יידן, וואָס נעמען זיך אַזוי אָן די קריוודע פון די דייטשלעך טוען עס, זעט מען, בלויז צו להכעיס די געשלאָגענע יידן....

* * *

זאָלן זיי מיר מוחל זיין די יידלעך, וואָס איך האָב זיי פאַרשאַפט עגמת־נפש מיט מיינע אַרטיקלען וועגן „אונזער“ גאָלאַנץ. אויב זיי קענען מוחל זיי

מערדער (ר"ל), האָף איך, וועלן זיי מיר אויך פאַרגעבן... וואָס כעס'ן זיי זיך? ווילן זיי, אַז אַלע יידן זאָלן אָננעמען די עצה פון גאַלאַנצן און זיך אויס־שמד'ן? ווילן זיי עס? — ביטע, גאַלאַנצעס פריינט קענען עס טאָן...!

אי ווי שיקט זיך עס שמד און „ציוניזם"? — איז אויך קיין קשיא נישט. וואָרים גאַלאַנצעס ציוניזם איז אויך אַ „שמד־ציוניזם". אָט פרעדיקט ער שוין יעצט אָפן אין ביכער, אין „ספּיטשעס", און אין זיין לעצטן בריוו אין „טיימס" (18־טן אַפּריל) — גענוי דאָס זעלבע וואָס זיינע חברים די אַנטי־סעמיטן ווילן און טענהן: — אַז מיר יידן זאָלן זיך אָפּזאָגן פון אַלע אונזערע רעכט אויף ארץ ישראל און אונטערגעבן זיך די אַראַבער... באשר, בכן, זאָגט ער, ווייל יידן זיינען אַ פאָלק מיט אַ „מיסיע" דערפאַר דאַרפן זיי באַקומען די מיתה...

פרייט זיך יידעלעך פון אייער „נחת". אייער נייער „דערלייזער" און אַפּאָסטאָל, גאַלאַנץ, האָט אייך געוויזן אַ וועג פון „לעבן"; אַ וועג פון שמד און „קריסטלעכער עטיק":

לייגט אייערע קעפּ אויפן עשאַפאָט, און גייט אויף אין פלאַמען צום מולך־„גאָט"... און אויב טעמפּ איז געווען דער חלף פון שר־הטבחים, און קאַלט איז געווען דאָס שייטער־הייפן־פייער פון גערמאַנער, און אייער קרבן איז ניט געוואָרן אָנגענומען, איז דאָס אייער שולד... טאַ פאַלט אויף אייערע קני... לעקט און קושט די שטיוול פון די תלינים... לייזט אויס אייערע זינד מיט „צדקה"... שטילט דעם צאָרן פון יעזוס־„גאָט", מיט אייער פלייש און בלוט מיט וואָס איר האָט... גיט טשעריטע צו די אינקוויזיטאָרן... שטאַרקט זייערע הענט און כוחות, אַז אַ צווייטן מאָל זאָל די שחיטה געלינגען... עס זאָל אייך ביישטיין דער „זכות" פון דער „קריסטלעכער עטיק"... „אָמען" — גאָספּעל פון סיינט („הייליקן") וויק גאַלאַנץ....

רעזיומירנדיק אונזערע ווערטער בעט זיך אַנאַלאָגישן פאַרגלייך צווישן משפט און משפט: — אַן ענגלישער טאַטע איז אָנגעקלאָגט געוואָרן פאַר צעברעכן, מיט אַ שטעקן, די ביינער פון דעם פאַרפירער פון זיין טאָכטער. איז אין אַן ענגלישן געריכט געפאַלן די פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „דער פאָטער פון דער פאַרפירטער טאָכטער האָט געהאַנדלט ווי אַלע פאָטערס וואָלטן געהאַנדלט אין אַזאַ פאַל; און הלואי וואָלטן אַלע טאַטעס רעאַגירט אויף אַזאַ אופן, וואָלטן נישט געווען אַזוי פיל פאַרפירטע און גע־שענדעטע טעכטער..." — אַ בר דעת קען פון דעם פיל לערנען....

אין אונזער לאַנג־יעריקן און ביטערן קאַמף מיט דער גאַלענציאַדע, האָבן מיר אויסגעפונען אָט־וואָס: —אַלע יידלעך וואָס נעמען זיך אָן די קריוודע פון די דייטשלעך „שמעקן" מיט י ע ז ו ס... און ווי די „עטיק" פון אַלע יעזואיטן וואָס שענדן און מאָרדן און שרייען פאַר־גיב נאָך... אַזוי איז דער „הומאַניזם" פון די יעזוס־יידלעך געבויט אויף יענעמ'ס בלוט און טרערן... עס איז אַ פאַקט, נישט זיי האָבן געליטן פערזענלעך פון דער דייטשישער מאָרד־מאַשין און נישט זיי פילן דעם יידישן חורבן...!



TOWER HAMLETS LIBRARIES

דאָס יידישע פאָלק שטייט יעצט פאַר דער ברירה אויסצוווילן צווישן גאַלאַנציזם ס'הייסט אונטערגאַנג; ווייל ביז די „יידלעך" וועלן אויסלערנען די קריסטן די „קריסטלעכע עטיק", וועט קיין איין ייד ניט פאַרבלייבן... אָדער: האַלטן זיך מיטן גאַנצן האַרצן אָן דער י י ד י ש ע ר ע ט י ק, וועלכע הייסט: פאַרפאַלג, מיטן מעסער, די רוצחים פון דיינע קינדער ביזן גרוב אריין..! פאַרפאָלג זיי מיט אייזן! ווייל „מאָנומענטן", „יער־יזכור", „טרויער־טעג", „געווייסן" פאַרפאָלגן נישט די קאַלטע קריסטלעכע, גערמאַנישע קינדער־מערדער, וואָרים זיי האָבן נישט קיין געוויסן! פאַרפאָלג זיי מיט דער תליה!

די רשעים דאַרפן וויסן, אַז מיטן אויסשטעכן שמשונען די אויגן איז נאָך נישט געענדיקט; דער בלינדער שמשון געפינט זיין וועג מיט זיינע הענט... די הענט פון שמשון הגבור זיינען לאַנג און שטאַרק... זאָלן זיי לערנען, אַז מיט שמשון'ס טויט פאַלן מער שונאי־ישראל ווי ביי זיין לעבן... (שפטים טז).

אַז די רשעים וועלן דאָס דאָזיקע וויסן און... פילן — וועט דאַן זיין וועניקער גערמאַנישע שענדער און רוצחים... און דאָס יידישע פאָלק, מיט זיין תורה־עטיק, וועט א י י ב י ק ל ע ב ן...!!! (ערב־פסח תש"ח)

---

## ש. י. האַרענדאָרף

# אפילו קדיש זאָגן איז ניט כדאי נאָך אַזאַ „יידיש" טעאַטער

אין אַ שמועס מיט מאָריס שוואַרץ (בעת זיינע פאַראַיאַריקע וואָרט־קאָנצערטן אין לאָנדאָן), האָב איך אים געפרעגט וועגן דער סיבה פון דעם קאַטאַסטראָפאַלן באַרג־אַראָפּ פונם יידישן טעאַטער אין ניו־יאָרק, וואָס האָט מיט 25 יאָר צוריק פאַרמאָגט 14 (פערצן!) יידישע טעאַטערס אין וועלכע עס זיינען געווען באַשעפטיקט לערך דריי הונדערט יידישע אַקטיאָרן, און די צאָל האָט אָנגעהויבן צו זינקען ביז צו 9 (מיט 15 יאָר צוריק); צו 6 (מיט פינף יאָר צוריק), ביז עס האָט זיך דערשלאָגן צו אַזאַ ממש אומגלויב־לעכער „מדרגה", אַז הײַ־יאָר זיינען, אין אַ שטאָט ווי ניו־יאָרק, וואָס פאַר־מאָגט איבער צוויי מיליאָן יידן, געווען טעטיק בלויז אַ צוויי־דריי יידישע טעאַטערס (אַריינגערעכנט דאָס „יידישע קונסט־טעאַטער" פון מאָריס שוואַרץ), וואָס האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם סעזאָן און געשפּילט בלויז אַ צען־צוועלף וואָכן!

מאָריס שוואַרץ האָט, אַנשטאָט צו ענטפערן אויף מיין פראַגע, געגעבן אַ טיפן זיפץ און באַמערקט:

„דער סקולניק'יזם" האָט באַגראָבן דאָס יידישע טעאַטער אין ניו־יאָרק!"

איך האָב לכתחילה נישט ריכטיק פאַרשטאַנען, וואָס מאָריס שוואַרץ מיינט מיט דעם באַגריף פון „סקולניק'יזם". שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דער יידישער אַקטיאָר מנשה סקולניק איז געוואָרן געקרוינט אַלס דער

„אבי־אבות" פון דעם טומאהדיקן שונד, וועמענס באלאגאנשטשינע האט סוף־כל־סוף פארטריבן דעם בעסערן יידישן עולם פון טעאטער, וועלכער האט זיך פשוט געעקלט פון דעם מורא׳דיקן נבול־פה, וואס האט געפלינעט פון די „וויצן", „פראזע" און פון דער „האנדלונג" אין דעם סארט פיעסן, וועלכע סקולניק האט אנגעהויבן „סערווירן" פאר זיין טעאטער עולם.

* * *

די ראזיקע הקדמה האט א דירעקטן, (אבער זער־טרויעריקן שייכות), אויך מיט דעם הינן יידישן טעאטער. עס באשטייט די געפאר, אז דער „סקולניק׳יזם" זאל, חס וחלילה, באהערשן אויך די צוויי יידישע בינעס, וואס מיר פארמאגן אין לאנדאן.

דאס „ניי יידישע טעאטער" האט, אין משך פון זיין פיער יאריקער עקזיסטענץ, געמאכט א ריי גוטע און ערנסט־געוואגטע פראוון, צו שפילן בעסער און שענער יידיש טעאטער. מיר דערמאנען זיך די פיינע אויפפירונגען פון פרצ׳עס „דריי מתנות", שעקספיר׳ס „שיילאק", יעקב ראטבוים׳ס אויפפירונג פון „גאלדפאדן חלום" און די צום באדויערן זיך נישט איינגעגעבענע גאסטראלן פון אידא קאמינסקא, וכדומה, צו וועלכן דאס „ניי יידיש טעאטער" האט דערלייגט שווערע טויזנטער פונטן און פאר די אלע עקספערימענטן אפילו נישט איינקאסירט קיין דאנק ביי דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט אין לאנדאן....

דאס אלץ איז — לאמיר מודה זיין — א ביטערער אמת; פונדעסטוועגן, האט דער נייעסטער „עקספערימענט" מיט לעא פוקס׳עס גאסטראל, אונז פשוט דערשיטערט! און דערשיטערט האט אונז נישט בלויז דער אויפן פון זיין שפילן, נייערט די פאנטאסטישע איינגאמען און די 15 הונדערט מענטשן, וואס איבערפילן נאכט־איין, נאכט־אויס דאס „אלעקסאנדער־טעאטער"!

פוקס איז אן שום ספק, א גוטער אקטיאר און פארשטייט ווי צו פארקויפן זיין „סחורה". אבער פוקס שפילט נישט קיין יידיש טעאטער. נייערט געבריינגט צו אונז דעם ניו־יארקער „סקולניק׳יזם", וואו מען באלאגאנעוועט און מען שונדעוועט אויף דעם שרעקלעכסטן, מורא־דיקסטן און גרויזאמסטן אופן! אזא פראפאגאציע פון דעם יידישן ווארט אויף דער בינע, אזעלכע געמיינע און פריוואלע וויצן, אזויפיל „פידזשען־אינגליש", פארבראכט מיט חלשות׳דיקע קלאון־„סצענעס". האב איך נאך נישט געהערט און נישט געזען אויף דער בינע פון קיין שום טעאטער, און אין יידישן טעאטער — אודאי נישט!

* * *

די דירעקציע פון „ניי יידיש טעאטער" איז נישט שולדיק אין דעם, וואס דער יידישער עולם פארסלינעט זיך פון דעם מיאוסן און אומווירדיקן נבול־פה, וואס טריפט פון די פארשטעלונגען. אבער מיר דארפן זיך ארעפנען מען א טרויעריקן ביישפיל פון אזעלכע „פיעסן" און דעם אויפן ווי־אזוי זיי ווערן געשפילט, ווייל זיי פאראומריייניקן די ברעטער פון דעם לאנדאנער



ניי־יידישן טעאטער און פאר׳חרפה׳נען אונדזערע פנימער!

מיר האבן, ליידער, נישט פארשטאנען ווי הויך צו שעצן די היימישע אקטיארן אונזערע, וועמענס יידישער לשון, זייער האלטונג, זייער שפילן און דאס רעפערטואר איז פשוטע קדושה לגבי די להבדיל׳דיקע „גאליציאנער קאובאיס", „מזל׳דיקע שלימזלס" און אנדערע „פיעסן" פון דעם מין, וואס זיינען איינגטלעכע פאבריקן פון דעם ערגסטן באלאגאן און שונד.

* * *

די פראגע איז:

וואס וועט געשען צומארגנס, נאך דעם גאסטראל פון פוקס׳ן? וועט דער עולם אויך אזוי שטראמען אין יידישן טעאטער, כדי צו זען א בעסערע און א זויבערע פיעסע?

וועט פוקס נישט האבן קיין חלק אין דעם צוקונפטיקן גוראל פון אונזערע צוויי יידישע טעאטער אין לאנדאן, ווי דאס איז איצט דער משל פון דעם יידישן טעאטער אין ניו־יארק, נאך וועלכן דער „סקולניק׳יזם" האט געשטעלט א מצבה!

יידיש טעאטער איז, צו לאנגע, לאנגע יארן, אונז איבערגעבליבן אלס איינציקער אנדיינק פון דעם יידישן ווארט אין דעם יידיש־פאר׳מדבר׳טן לאנדאן. דעריבער דערמאנען מיר פוקס׳עס לאנדאנער גאסטראל מיט ווייטיק און פארדרוס און ווילן האפן, אז דאס וועט זיין דער לעצטער און טרויעריקער עפיזאד אינם „ניי־יידישן טעאטער", ווייל — לאמיר דאס זאגן מיט דער פולסטער אחריות — איידער צו שפילן אזא געשענדעטע און אומווירדיק יידיש „טעאטער", וועט זיין יושרדיקער און מאראלישער, ווען מיר וועלן בכלל נישט האבן קיין יידיש טעאטער!

מיר וועלן נאך דעם „סקולניק׳יזם" נישט פארגיסן קיין טרער און אודאי נישט זאגן קיין קדיש!

## קאנפערענץ פון „ייווא" אין לאנדאן

דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט — ייווא אין לאנדאן האט פאר די לעצטע עטלעכע חדשים פארשטארקט זיין טעטיקייט און פארברייטערט די באזע פון זיין ארבעט. די וויסנשאפטלעכע סעקציע, וואס באשטייט ביים לאנדאנער אינסטיטוט, האט זיך גענומען צו ארגאניזירן א סיסטעמאטיש וויסנשאפטלעכע און פארש־ארבעט, וואס נעמט ארום פראבלעמען פון יידישער אימיגראציע, עקאנאמיק, יידישער ארבעטער און נאציאנאלע באוועגונגען, יידיש קולטור־לעבן א.ז.וו. די סעקציע האט ביז איצט צונעצויגן א ריי באקאנטע יידישע וויסנשאפט־מענטשן, בעיקר יינגערע פארשער און האלט אפ אירע וויסנשאפטלעכע זיצונגען יעדן חודש אין דעם לאקאל פון „בארקליי הויז", 783, פינטשליי רויד, נ.וו.11. אויפן סמך פון די ראזיקע וויסנשאפטלעכע ארבעטן, האפט דער לאנדאנער ייווא, ארויסצוגעבן מיט

דער צייט א פובליקאציע, וואס זאל זיין געווידמעט דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין ענגלאנד פאר די לעצטע 70-80 יאר.

זונטיק דעם 11־טן אפריל איז אינם זאל פון „בארקליי־הויז”, פינטשליי רויד, פארגעקומען זייער א געלונגענע ייווא־קאנפערענץ, וואס האט באוויזן ווי שטארק עס איז דער אינטערעס פאר יידישער וויסנשאפטלעכער ארבעט ביי אינסטיטוציעס און יחידים. א שיינער עולם דעלעגאטן פון קולטור און געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס און געסט האט אנגעפילט דעם זאל, בעת דער פארזיצער לעא קעניג האט געעפנט די קאנפערענץ און באגריסט די אנוועזנדיקע. מיט א געלונגענעם רעפעראט וועגן „ייווא און די יידישע קולטור” איז ארויסגעטרעטן יהושע פארדרוזשניק. ד״ר יעקב מייטלים האט ברייט פונאנדערגעוויקלט די פראבלעמען פון ייווא־ארבעט און די אויפגאבן אין ענגלאנד, אנווייזנדיק בעיקר אויף דער נויטווענדיקייט צו זאמלען היסטארישע מאטעריאלן און צו פארשן די פראבלעמען פון דער יידישער געגנווארט. „איצטיקייט און פארגאנגנהייט”, האט מייטלים אויסגעפירט, „זיינען די צוויי קאמפאנענטן פון אונדזער קיום. אויף זיי מוז זיך שטיצן אונזער פארש־ארבעט. דוקא היינט, נאך דעם גרויסן חורבן, מוז זיין אונזער לאזונג אויסבויען אונזער ארבעט, און ווייטער פארשן, ווייטער לערנען”.

אין דער דיסקוסיע האבן זיך באטייליקט צוו. אנד. יוסף פרענקל, משה עובה, קייזער, שטענצל, מינדל, קלאק און לאקיעטש. די קאנפערענץ האט אנגענומען פה־אחד צו רעקאמענדירן אלע יידישע קולטור־ארגאניזאציעס צו ווערן קאלעקטיווע מיטגלידער פון יווא אין ענגלאנד, צו שטעלן אין רשות פון יווא מאטעריאלן פון זייער טעטיקייט און צו פארשפרייטן צווישן מיטגלידער די פעריאדישע אויסגאבעס און ביכער פון ייווא.

די קאנפערענץ האט באשלאסן צו שאפן א ייווא־ביירא, וואס זאל רעפרעזענטירן די יידישע קולטור־ארגאניזאציעס אין לאנדאן.

אפיציעל פארטרעטן אויף דער קאנפערענץ זיינען געווען די פאלגנדיקע ארגאניזאציעס : יידישער וועלט קאנגרעס, פראפאגאנדע קאמיטעט פון ארבעטער רינג און בראנטש נר. 3 פון ארבעטער רינג, די יידישע־סאציאליסטישע ארגאניזאציע, פועלי ציון צענטראל קאמיטעט, פריינד פון יידיש לשון, יידישער ליטעראטן און זשורנאליסטן פאריין, די סטודענטישע פעדעראציע (איי.יו.דשיי.עף.), יידישער ארבעטער הילף־קאמיטעט און די יידישע עקסקאמבעטאנטן פון דער פוילישער ארמיי. א ריי אנדערע ארגאניזאציעס האבן צוגעזאגט זייער הילף און אקטיווע מיטארבעט.

## דער 1-טער מאי און די „נייע פרעסע”

רעדנדיק וועגן ערשטן מאי וואלט איך געוואלט פארבינדן אין קורצע שורות געוויסע ארבעטן פון דער טעגלעכע צייטונג די „נייע פרעסע” וועלכע איז היינט איינע פון די גרעסטע אין מערב אייראפע. די „נייע פרעסע” וועלכע האט שוין אונטער זיך א גאנצע געשיכטע פון קאמף קעגן רעאקציע און אנטיסעמיטיזם איז אויסגעוואקסן צו א פאלקס צייטונג, וועלכע פארטרעט און האנדלט אין די אינטערעסן פון יידישן ישוב ניט נאר אין פראנקרייך נאר אויך אין די אינטערעסן פון גאנצן יידישן פאלק, דאס הייסט, אין דער פראגע פון דעם כסדר'דיקן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם און פאשיזם, פאר שלום און גערעכטיקייט, פאר נאציאנאלע באפרייאונג, פאר פאראייניקן דאס גאנצע יידישע פאלק אין קאמף פאר פראגרעס. עס איז איבעריק צו זאגן אז די „נייע פרעסע” האט אין די שווערסטע מאמענטן פון אונזער געראנגל ניט פארלאזט איר פאסטן און מיט דער גרעסטער פאראנטווארטלעכקייט דערפילט איר חוב אין אנווייזן און מוטיקן די וועלכע האבן אונטער דעם דייטשן אקופאנט, און געווען די ארגאניזאטארן פון דעם העלדישן ווידערשטאנד פון די יידישע פארטיזאנען וועלכע די געשיכטע וועט אייביק דערמאנען זייער מוט און שטאלץ און אונזער פארפליכטונג.

היינט שטייט ווידער די „נייע פרעסע” אויף די וואך; ווידער מאביליזירט זי אלע כוחות פאר דעם קעמפנדיקן ארץ ישראל. דערפאר, רעדנדיק וועגן דעם אינטערנאציאנאלן פייערונג פון ארבעטער קלאס, מוזן מיר דערמאנען אז דער פליכט פון יידישן ארבעטער און יידישן פאלקס־מענטש איז צו גערעכנען אז ער האט זיינע אייגענע נאציאנאלע אינטערעסן, זיינע קולטורעלע ניוטן, און דאס איז אין די ערשטע רייע די קולטורעלע און פאליטישע נייעסן פון זיין אייגענע שפראכלעכע צייטונג און דאס איז קודם כל די טעגלעכע יידישע צייטונג, די „נייע פרעסע” וועלכע מוז זיך געפינען אין יעדן יידישן הויז.

אין לאנדאן איז געשאפן געווארן די געזעלשאפט פריינט פון דער „נייע פרעסע” און מיר אפעלירן צו אלע יידן אין לאנדאן וועלכע ווילן האבן ידיעות פון יידישן לעבן פון פארשידענע לענדער און דער שטעלונג צו יידישע פראבלעמען, זאל אבאנירן די „נייע פרעסע” וועלכע מען קען אבאנירן אין לאנדאן און באקומען רעגעלמעסיק טעגלעך די צייטונג פון פאריז. וועגן אינפארמאציעס ווענדט זיך צו דער סעקרעטארין פון דער געזעלשאפט „פריינט פון דער נייע פרעסע”.

מיט אלע אינפארמאציעס וועגן דער „נייער פרעסע” זיך ווענדן צו „קאלעטס”, 193, האווערסטאק היל, העמפסטעד, נ.וו.3.

**פ. לעזמאן.**

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1

# די פייערונג פונ׳ם הונדערטסטן העפטל

## הונדערט נומערן „לשון און לעבן“

מיט אַ באַזונדערער שמחה און צופרידענהייט, שרייב איך די צוויי ווערטער, „הונדערט נומערן“ פון דעם איינציקן יידישן חודש זשורנאַל, וואָס איז אַן איבעררייס דערשינען אין לאָנדאָן פאַר די לעצטע אַכט יאָר. עס איז אויסערגעוויינלעכע געשעעניש אינעם היגן יידישן ישוב. די דערשיינונג פון די העפטלעך און שפּעטער פונם זשורנאַל „לשון און לעבן“. אין אַ צייט פונם גרעסטן יידישן גייסטיקן חורבן, כּדי אויפצוהאַלטן דאָס אייגענע ביסל קיום, מיט אַלע כּחות, האָבן געהויבן דעם פּרעסטיזש פון דעם היגן יידישן לעבן און מאַניפעסטירט פאַר דער ברייטער עפנטלעכקייט אונזער יידיש, ווי אַ קולטור שפּראַך.

און טראָץ די אַלע שוועריקייטן און שנאה, וואָס מען שטויסט זיך אַזוי אָפּט אָן, האָט דער זשורנאַל נעקראָגן אַ גוטן אָפּקלאַנג און ציילט איצט אייניקע הונדערט אַבאָנאַמענטן, מיט אַ נישקשהדיקע צירקולאַציע, וואו יעדער געדרוקטער עקזעמפּליאַר גרייכט צו יעדן לייענדיקן מענטש אין האַנט אריין.

אין דער איצטיקער שווערער צייט, ווען עס רוקט זיך כּסדר ארויס פראַגן און פּראָבלעמען וועגן אויפהאַלטן און באַשיצן אונזער קולטור בנין, דערפילט דער זשורנאַל „לשון און לעבן“ אַ וויכטיקע שליחות; דערמיט, וואָס ער קלעבט צונויף די שטיקער צעזייטע און צעשפּרייטע אין אַלע יידישע קבוצים, באַרייכערט די ליטעראַטור און קונסט, ועל כּולם באַלייכט די וויכטיקסטע ליטעראַרישע און קינסטלערישע דערשיינונגען.

הונדערט נומערן פון אַ חודש זשורנאַל פאַר יידיש לאָנדאָן, איז אַ גרויסע דערגרייכונג, פון וועלכער עס איז ווערט באַגריסט צו ווערן. עס איז באמת צו באַוואונדערן דעם שטאַרקן עקשנותדיקן ווילן און די כּסדרדיקע זאָרג פון דעם רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל, וועלכער האָט באַוויזן אַזאַ שטיינערדיקן באַרן צו באַאַרבעטן. עס איז אַ דערגרייכונג, וואָס איז פאַר די לעצטע פערציק יאָר פון מיין זיין אין לאָנדאָן, קיינמאָל נישט מעגלעך געווען. איך בין נישט אויסן צו געבן אַן איבערבליק, וועגן די פּאָזיטיווע אויפטוען פון די יאָרן. איך וויל נאָר פעסטשטעלן אַז דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן, האָט גראַד אין די לעצטע יאָרן זיך אַ רוק געטאָן. דער הונדערטסטער נומער איז אַ ציפער, וואָס ווייזט אויף אַ קולטורעל לעבן אינעם היגן יידישן ישוב.

עס לויפן פאַר מיר דורך שווערע אַכט יאָר. אַ פּעריאָד פון אַ טראַגישער און שטורמישער צייט, אָנגעזאַפּט מיט פּיין און יסורים פאַר דער מענטשהייט בכלל און פאַרן יידישן פאָלק בפרט. אין אַ צייט פון דער בלוטיקסטער טיראַניי אין דער וועלט געשיכטע, פון אַ פאַרשטיינערטקייט פונם מענטשלעכן געפיל לגבי די ווי־געשרייען פון מיליאָנען לעבנס אין די קאָנצענטראַ־



ציע לאַגערן און גאַז־קאַמערן.

דוקא אין די שווערע נסיון טעג, ווען לאָנדאָן האָט אַמביטערסטן געקרעכצט אונטער די מוראדיקע לופט באָמבאַרדירונגען פון די היטלעריסטישע באַנדעס, דוקא אין דער שווערער און פינסטערער צייט, האָט אַ שטראַל פון אַן אויפגעריכטער שפע אויפן יידישן קולטורעלן געביט זיך דורכגעבראָכן. עס זיינען דערשינען צענדליקע ביכער. די רעגעלמעסיקע דערשיינונג פון די העפטלעך, וועלכע זיינען געווען דער יהי רצון פון „עמו אנכי בצרה“, מיטגייענדיק מיט די בלוטיקע געשעענישן און מיטגעפילט דעם גרויסן צער פון אונזער פאָלקס־חורבן. פון מיליאָנען יידן, וואָס גייען אין גאַז־קאַמערן, פון אַ גרויסער גייסטיקער ירושה, וואָס ווערט פאַרניכטעט. ווי אַזוי די העפטלעך זיינען דערשינען איז ממש אַ וואונדער, אויב נסים זיינען לגמרי פאַראַנען, איז דאָס דער גרעסטער נס.

אמת אַז די התחלה איז געווען אַ מאָגערע, אָבער פאַר דעם צעבראָקלטן יידישן לאָנדאָן און פאַר ווייטשעפּל, וועלכע אַ סך האַלטן פאַר טויט און זיינען גרייט אָנקלאָפּן אַן אָנדענק ברעטל, פון אַן אַמאָליקן קאָמפּאַקטן יידיש לעבן, איז דער זשורנאַל אַ דירעקטער ענטפער אַ קעגן די יאוש־שטימונגען. עס איז געווען אַ געוואַגטער שריט, ווייסנדיק ווי פיל פאַרזוכן זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט, אָן דערפאָלג. צום העכסטנס פלעגן דערשיינען אַ צוויי דריי נומערן און שוין פטור; עס פעלט אויס פאָרים, מיט דער אויסנאַם פונם וואָכן־שריפט, דאָס „פרייע־וואָרט“ וועלכע האָט אונטער דער רעדאַקציע פון א. נ. שטיינבערג דערגרייכט ביז פינף־און־זעכציק נומערן.

דער כּוח פון די העפטלעך און איצטיקן זשורנאַל „לשון און לעבן“ איז וואָס עס איז תמיד אין באַריר מיטן לעבן, מיט דער ערנסטער ווירקלעכקייט, און נעמט מיט אַלע חושים אויף די דערשיינונגען פון דער צייט. אַ סך האָבן פונם זשורנאַל פאַרלאַנגט קריסטליזירטע אויסגעאיידעלטקייט, היפּער אינטעליגענטישקייט, פאַרגעסנדיק אַז דאָס יידישע לשון פונקט אַזוי די ליטעראַטור, איז ראשית ואחרית אַן אינערלעכער שעפערישער כּוח אינעם פאָלק, אַ שטיק אבר מן החי.

האַלטנדיק ביי הונדערט נומערן, מוז דערמאָנט ווערן, צום שבח פונעם רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל, אַז אַכט יאָר ארויסצוגעבן פון אַ צייטשריפט אויף יידיש אין לאָנדאָן, איז ממש געווען אַ מסירת־נפשדיקע, ווי אַזוי איין מענטש האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס אַן אויסגאַבע, וועלכע האָט דערשיינט אָן שום הפסקה פאַר הונדערט חדשים. דאָס אַליין קרעפטיקט דעם בטחון אויף בעסערע צייטן.

די דערשיינונג איז אַ יום־טוב פאַרן גאַנצן יידישן לאָנדאָן און קען זיין שטאָלץ אויף דער דערגרייכונג. מיט געפילן פון שמחה באַגריס איך דעם רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל און ווינטש דעם זשורנאַל „לשון און לעבן“ אַ דויערנדיקן קיום.

**י. ביעטש**

משה עובד

# דאָס זייגערל

דאָס ליד וואָס ענטהאַלט פונקט הונדערט „טיקס“ ווידמעט דער מחבר, מיט פריינדשאַפט און באַוואונדערונג, דעם רעדאַקטאָר **א. נ. שטענצל** פאַר זיין אומערמידליכער אַרבעט און מסירות־נפש צו דערגרייכן דעם (100) **הונדערטסטן** נומער **לשון און לעבן** און מיט אַזאַ פינקטלעכקייט וואָס איז ממש גאַרנישט אידישלעך...

טיק, טיק! טיק טיק!
טיק טיק! טיק טיק! טיק טיק טיק!

האָב איך מיר א זייגערל,
א שוויינערל, א פגר׳ל,
זיך איינגעעקשנט ניין און ניין,
וויל ניט מער קיין רגע גיין.

ווי אלע, אלע זייגערלעך,
האָט עס אויך צוויי ציינגערלעך,
שלאָפט ס׳פאַר פאַלק אויפן בעטעלע,
אויפן ציפער בלעטעלע.

פערזוכן זיי א קליין ביסעלע,
פון מיין קליינטשיק שליסעלע,
ניט זיך עפעם דאָרט א ריר,
פון יענער זייט אונטער־טיר.

טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

קלאַפ איך טיק, טיק, טיק! אין שייבעלע,
שרייט דער מאַן אויף זיין ווייבעלע,
„שלאָפן, שלאָפן! אייביק פּאָפן!
ריר זיך פוילאַק, איך וויל שלאָפן!“

טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

שרייט דאָס קליינע ווייזערל
קוקטע נאָר אָן מיין קייזערל!
הייב דו זיך אויף דו גרויסער ביק,
נו גיב זיך שוין, שוין איצט א ריק!



מיך רופסטו, רופסטו פוילאַק?
אוי ביסטו, ביסטו א שלאַק!
וואָס א גאַנצן טאָג דו טוסט דאָ,
טו איך דאָך אין איין שעה.

פליט זיך ארום, ארום דעם מאַרק,
אז ברעכן זאָל מען אים דעם קאַרק,
און איך מוז שטיין אין א „קיו“,
יעדער רגע, פון יעדער שעה.

וואַרט איך וועל דיר, דיר שוין ווייזן,
מ׳מוז דאָך האָבן א האַרץ פון אייזן,
נאָר טיק, טיק טיק! טיק, טיק, טיק!
נאָר טיק, טיק! טיק טיק! טיק טיק טיק!“

„גייט גרויסער ווייזער צו צו איר!
כ׳ליב דיך האַרץ מיינס פונקט ווי פריר,
גיי שוין גיי! גיי שוין גיי!
ווייסט דאָך כ׳בין דיר אייביק טריי.“

זאָגט זי, טאַקי?
זאָגט ער טאַקי!
זאָגט זי טיק?
זאָגט ער טיק!

זאָגןביידע טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

שלאָפט זי איין אונטערן שייבעלע,
א מיד ווייבעלע ווי א טייבעלע,
עס גייט ניט אוועק א פערטל שעה,
ער איז שוין ווייטער שוין ניט דאָ.

טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

פון ביידע זייטן אט־לאַנ־טיק,
יעדער איינער האָט א טיק, טיק, טיק!
יש־ראַ־ליק, ע־מ־לק, באַל־שע־וויק,
יעדער איינער האָט א טיק, טיק, טיק.

טיק, טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!
טיק, טיק! טיק, טיק! טיק, טיק, טיק!

## אליהו פאלושאק

# האב איך מיר א מיכאלקע

האב איך מיר א מיכאלקע, א מיכאלקע.
וואוינט ער אויף דער לאנגער גאס.
זאג איך אים, וואס איך וויל,
מאכט ער מיר, וואס ער קען.
מאכט ער מיר א יידיש ווארט,
א יידיש ווארט
דאס יידישע ווארט מאכט אזוי,
דאס יידישע ווארט מאכט אזוי...
(פון א פאלקס־מאטיוו)

אין דער צייט פונם גרויסן קאמף, וואס א טייל פונם יידישן פאלק האט צו פירן מיט אפענע און באהאלטענע שונאים; א קאמף וואס נעמט ארום אלע יידישע שבטים און ישובים פון דער גארער וועלט, דארף מען נישט פארגעסן די לאקאלע נויטן און באדערפענישן פון אן איינצעלנעם ישוב, אפילו דעם גייסטיק־ארימען יידישן קיבוץ דא אין ענגלאנד.

דער ישוב דא האט קיין גרויסקייטן נישט אויפצוווייזן. אודאי זיינען דא שולן און בתי מדרשים, געוויסע סאציאלע און פילאנטראפישע ארגאניזאציעס מיט ביוראס און סעקרעטאריאטן, גרויס־אויפגעמאכטע און אפגעדרוקטע בילאנצן און יערלעכע באריכטן, וואס פויקן אויס פאר דער וועלט די גרויסע אויפטועכצן. אבער עס פעלט דאס אימפולסיווע לעבן און דאס לעבעדיקע „געקאכעכץ". סיי אין די סינאגאגעס און סיי אין די וועלטלעכע אינסטיטוציעס פעלט דער באוואוסטער היימישער יידישער רוח הקודש.

מיר דיסקוטירן דאך היינט נישט מער מיט דעם תם און שאינו יודע לשאול, צי מיר יידן זענען דא און דארט א נאציאנאלע גרופע אדער רעליגיעז־קאנפעסיאנעלע געמיינשאפט. מיר ווייסן, אז מיר זיינען דאס ערשטע באשטימט און א קאמבינאציע פון ביידע אין דער זעלבער צייט. מיר ווייסן, אז יידישע ישובים אין די אזויגערופענע גלות־לענדער זיינען פאראורטיילט צום אונטערגאנג, ווען זיי בויען אויף זייער לעבן אויסשליסלעך אויף די יסודות פון א סינאגאגן־קהלה. אינם בעסטן פאל שרומפן זיי צוזאמען צו דער באדייטונגסלאזיגקייט פון אן איזאלירטער גרופע ווי די אגודת ישראל, וואס פארלירט דעם קאנטאקט מיט דער ארומיקער וועלט; און אינם ערגסטן פאל פירט עס צו זעלבסט־פארלייקענונג, חניפה צו דער ארומיקער וועלט, „גאלאנציזם" און ענלעכע מאוסע פאקשיוועס פון גייסטיקער אימפאטענץ.

די אויפגעקלערטע גייסטיקע און גייסטלעכע מנהיגים פון אונזער רעליגיעזע אינסטיטוציעס ווייסן שוין לאנג דעם סוד, אז די שול און דער בית



המדרש זיינען נישט מער די צענטראל־פונקטן פונם יידישן לעבן. מיט דעם צוזאמענברוך פון די גייסטיקע געטא־מויערן מיט א פאר דורות צוריק און דאס אויפשטייגן פון די גרויסע פראגרעסיווע נאציאנאלע און סאציאלע פראבלעמען אויף דער יידישער גאס אין מזרח־אייראפע און אמעריקע, איז די וועלטלעכע יידישע קולטור געווארן א וויכטיקער ספיריטועלער פאקטאר אין אונזער לעבן.

די, וואס זיינען מיט צוויי דורות צוריק דא אהערגעקומען פון דער אמאליקער היים, פון פוילן, רוסלאנד, ליטע און רומעניע, האבן מיטגעבראכט פון דארט אימפולס, לשון און לעבן פון א נייער יידישער גייסטיקייט, פון א נייער יידישער קולטור, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט דער עמאנציפאציע מיט אירע אסימילאטארישע טענדענצן, און האט זיך אריבערגעטוויקעלט איבער דער השכלה מיט איר פענדלען צווישן יידישער טראדיציע און וועלטלעכקייט (היה אדם בצאתך ויהודי באהלך) ביז צו דער מאדערנער יידישער ליטעראטור און דער נאציאנאלער אויפפאסונג פון דער יידישער געשיכטע: מענדעלע, שלום עליכם, פרץ, ביאליק, דובנאוו, אש, נאמבערג, וויסענבערג און אנדערע. עס זיינען צוגעקומען נייע באגריפן, א נייע קאנצעפציע אין דעם אינהאלט פונם יידישן לעבן, א נייער רוח הקודש.

און דאס אלעס איז געשיין מיט דעם כח פון לשון, וואס האט געהאט זיינעווארצלען אין די ריינע און נאטירלעכע לעבנס־כחות פונם פאלק, פון א נאציאנאלער און סאציאלער מאסע, וואס האט נישט געוואלט סתם פירן א פוסט לעבן פון אפגעהארעוועטע „ראבאטס", ברויט־פארזארגערס פאר ווייב און קינד, א ניין, מיטגעצווינגן און מיטגעריסן מיט די גרויסע פראבלעמען פון דער צייט, זיינען די דאזיקע מאסן געווארן די קאנסומענטן פון די נייע יידישע שאפונגען אין דער יידישער קולטור. עס איז אנטשטאנען א יידיש־יידישע ליטעראטור, א פרעסע, קולטור־ארגאניזאציעס, קונסט־ליבהאבער־פאראיינען וכדומה.

אט דאס אלץ איז געווען אזוי לאנג, ווי ס'איז געווען לשון, ד.ה. אזוי לאנג ווי די לעבעדיקייט און שפרודלדיקייט פון דער יידישער שפראך איז געשטאנען אינם מיטלפונקט פון אלע יידישע סאציאלע און נאציאנאלע ארגאניזאציעס. דאמאלס איז דאס דערשיינען פון א גוט ניי בוך, א גוטן זשורנאל געווען א יום טוב אויף דער יידישער גאס.

ס'איז געווען לשון און לעבן.

---

„האב איך מיר א מיכאלקע...
מאכט ער מיר א יידיש ווארט, א יידיש ווארט.
דאס יידישע ווארט מאכט אזוי".

ווען איך בין אהערגעקומען דא נאך לאנדאן מיט א יאר ניין צוריק, א געראטעוועטער פון היטלערס רדיפות, האב איך אויפן וועג דא אהער מיר

געמאכט מיינע איינענע פארשטעלונגען וועגן דעם יידישן ישוב דא מיט זיין גרויסן גייסטיקן און מאראלישן ווערט, כח און שעפערישקייט. נאך מער, אפגעלעבט כמעט צוואנציק יאר אין א מערב־דייטשער פראווינץ־שטאט, אפגעריסן פונם גרויסן יידיש־נאציאנאלן לעבענס־נערוו, האב איך מיינע דייטש־יידישע פריינט אנגעזאגט, אז טאמער וועלן זיי זיך ארויסלאזן מיט דעם וואנדער־שטעקן קיין ענגלאנד, צפון־אדער דרום־אמעריקע, מוזן זיי למען השם נאך אמאל אדורכגיין דעם פראצעס פון א נייער „אסימילאציע" און זיך אויסלערנען יידיש, ווייל אין די דאזיקע לענדער איז אין די יידישע ישובים דאמינירענד יידיש־יידישע קולטור. אט דאס האב איך אין מיין נאאיוויטעט געגלויבט.

און ווען איך האב אנגעהויבן קומען צו זיך, זיך ארומקוקן און זיך צוגעוואוינען צו דער נייער סביבה, איז מיר קאלט געווארן אין אלע מיינע איברים. די ארעמקייט פון דער פרעסע סיי אין יידיש און סיי אין ענגליש, די דיסטאנץ און קאלטע הארצלאזיקייט אין די אזויגערופענע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס, די שפראכלעכע מאוסקייטן פון די אנאנסן אין די יידישע צייטונגען און אויסגאבעס, די ביליק־שרייעריש שונדישע טעאטער־אפישן האבן מיר געיאגט די בושה אין פנים אריין (די בושה פון א יחיד פאר די אימפאטענץ און קולטור־ארעמקייט פון א כלל). און עס האט זיך מיר צוריקגעבענקט צו די קינדער־יארן, ווען א שטרענג־ארטאדאקסישער און דאך באלעזענער טאטע פלעגט א פרייטאג־צו־נאכט פאר זיינע בני בית און יונגעלייט־געסט פארלייענען א שלום עליכם, לינעצקי אדער דינעזאן (פרץ איז געווען א פראבלעם) און די יארן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי א פאר באלעבאטישע און ארבעטער־יינגלעך האבן ארויסגעריסן פון ציוניסטישע הענט א פארוואלאזטע יידישע ביבליאטעק, און האבן מיט דער הילף פון עלטערע ארבעטער־חברים אויפגעבויט אן אינסטיטוציע, וועלכע איז געווארן א צווייג פונם גרויסן לעבעדיקן בוים. וואס מען האט אין פוילן אזוי שיין אנגערופן קולטור־באוועגונג.

---

איר האט דאך נישט פארגעסן? דערמאנט אייך ליבע פריינט. ס׳ווערט אכט יאר, ווען דער שונא. אונזער שונא איז געשטאנען ביי די טויערן פון לאנדאן. דאס גערויש פון די גרויסע פויגעל, וואס האבן געהאט די אויפגאבע צו זייען טויט און פארניכטונג, האבן באהערשט די לופט. די ערשטע באמבעס פון צעשטערונג זיינען געפאלן אין די יידישע קווארטאלן פון ווייטשעפל. דער איינגעפונדעוועטער פארווארצלטער יידישער ישוב איז אריין אין א פאניק און טיילווייזער אויפלעזונג. מען איז זיך צופארן, צעלאפן אדער געלעבט אין שעלטערס. אין יענער צייט בין איך מיר געזעסן אין אזא שוף־קעלער מיט א היימישן יונגן רב, וואס האט שטארק געגלויבט אינם גרויסן כח פון שונא. ער האט נערוועז און מורא׳דיק געציטערט, זיך געבראכן די



הענט און געשעפטשעט תפילות.

און ס׳איז געווען א פאר טעג פאר די ימים נוראים. קיין יידישע צייטונג איז מחמת דער צעשטערונג פון דער דרוקעריי נישט דערשינען. דאס „רייכע" יידישע לאנדאן איז זיך געווען צעלאפן און די צוריקגעבליבענע יידיש־לייענענדיקע מאסע האט זיך געפילט פאריתומט און פאראיינזאמט. דעמאלט איז ביי שטענצל דעם דיכטער אויפגעקומען א געדאנק. ער איז געלאפן צום באקאנטן דרוקעריי־באזיצער ר׳ ישראל נאראדיצקי ע״ה, אים ארויסגעשלעפט פון בעט, אריינגעקוועטשט אין דער האנד אנגעקריצעלטע מאנוסקריפטן פון שירים, און געהייסן דרוקן. ס׳איז דערשינען א מאגערער 8-זייטן־העפטל, דאס שטענצל־העפטל נומער איינס.

היינט האלטן מיר ב״ה ביי נומער 100. ס׳איז נישט מער קיין העפטל, ס׳איז „לשון און לעבן", א חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור, וואס האט זיך זיינע פריינט, אנהענגער און סימפאטיקער, און אויך זיינע קעגנער און שונאים. די וואס שטייען נאענט ביי דער ארבעט, ווייסן וואס עס הייסט ארויסצוגעבן דא אין ענגלאנד א פעריאדישע אויסגאבע, אן א שום הינטערגעדאנקן, נאר מיט דער כוונה צו דינען אונזער יידיש־יידישער קולטור.

און פארגעסן דארפן מיר נישט, אז ס׳איז געווען א דיכטער מיט א נאמען, וואס האט אויף זיך גענומען דעם פרייוויליקן על פון עקשנות און אויסדויער דעם דאזיקן זשורנאל ארויסצוגעבן, און... אויסצוהאלטן.

און ווען איך זע מאנכמאל די שטילע אדער חוצפה׳דיקע איגנאראנץ מצד מאנכע פון אונזערע שרייבער אדער „קולטור־טוער" צו אונזער ארבעט, וואלט זיך מיר געגלוסט זיי אריינצוזינגען אין אויער אריין דעם פאלקס־מאטיוו:

„האב איך מיר א מיכאלקע, א מיכאלקע,
וואוינט ער אויף דער לאנגער גאס
מאכט ער מיר א יידיש ווארט, א יידיש ווארט,
דאס יידישע ווארט מאכט אזוי..."

און ווייל אונזערע קעגנער האבן קיין בעסערס נישט געשאפן, וויל איך זיי צורופן: מיין מיכאלקע איז אויך אייער מיכאלקע, מיין יידיש ווארט איז אויך אייער יידיש ווארט, מיין שמחה איז אויך אייער שמחה, לאמיר זיך טיילן ארבעט און אחריות. „לשון און לעבן" איז מיין, אונזערס און אייערס.

האב איך מיר א מיכאלקע...

# באגריסונגען צום הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן“

## שרייבער :—: אינסטיטוציעס :—: לייענער

## פון ענגלאנד און מעבר-לים

### סעקרעטאריאט פון „פריינט פון יידיש לשון“ און „לשון און לעבן“

מיר ווייסן ווי „פריקרע“ ס'איז פאר א. נ. שטענצל אפצודרוקן באגריסונגען, וואו ער איז דער מיטלפונקט פון שבחים און ס'איז פסיכילאָגיש פארשטענדלעך, אז ער ווערט זיך קעגן דעם.

אזוי ווי דער דאָזיקער יובילעאום איז אָבער, אן ענין פון דער אדמיניסטראציע, האלטן מיר עס פאר זייער וויכטיק נישט צו פארשווייגן פאר דער עפנטלעכקייט די גרויסע אָנערקענונג, וואָס אונדזער זשורנאַל האָט געוואונען אין דער יידישער קולטור־וועלט. בפרט פרייען אונדז די צוגעשיקטע באגריסונגען פונם ארץ־ישראלדיקן ישוב, וואָס בשעת אזא מהומה האָרט האָבן זיי נאָך געקאָנט טראכטן פון אונדז און אונדזער שטיקל יום־טוב, וואָס איז אויך זייערער.

מיט דער לעצטער פּאָסט, איידער עס איז איבערגעריסן געוואָרן די פּאָסטאַלישע פאַרבינדונג מיט ארץ ישראל, איז פון דאָרט אָנגעקומען א גרויסע צאָל באגריסונגען פון מיטארבעטער, דיכטער, שרייבער, קולטור־אָרגאַניזאַציעס און יחידים־לייענער פון „לשון און לעבן“.

דאָס באווייזט זייער שטאַרקע פאַרבינדונג מיט דער קולטור־ארבעט פון יידישע ישובים אויך מחוץ לארץ ישראל.

מיר האַלטן עס אלס חוב אָפּצודרוקן דעם מאטעריאל, אַלץ וואָס עס איז אָנגעקומען פון ארץ ישראל, נישט געפרעגט, צו א. נ. שטענצל דער רעדאַקטאָר איז מסכים אָדער נישט. עס איז אַמאָל אַן אַלגעמיינע וויכטיקייט פאַראַן, ווען מ'מוז פארקוקן איבער סענטימענטן... **א.—פ.**

* * *

### באגריסונג פון פּראָפעסאָר זעליג בראָדעצקי
(פּרעזידענט פון „באָאַרד אָף דעפּיוטיס“ אין לאָנדאָן)

4 מאי 1948

זער חשובער פריינד **פאלושאָק**,

צוזאַמען מיט אייך און אַלע פריינט פון יידישן לשון האַלט איך אַז דערלעבן צו זען אַ הונדערטסטן נומער פון אַ יידישן חודש זשורנאַל אין ענגלאַנד איז אַ וויכטיקע דערגרייכונג און איך ווינטש אייך אַלעמען ערפאַלג אויך אויף ווייטער. יעדע קולטורעלע אונטערנעמונג וואָס העלפט דעם צוזאַמענבונד פון אחינו בני ישראל איז וויכטיק און דאַרף אונטערשטיצט ווערן.

מיט פריינטלעכסטן גרוס,

**ז. בראָדעצקי**



### יידישער ליטעראטן און זשורנאליסטן פאריין אין ענגלאנד באגריסט „לשון און לעבן“

צום ח"ח **א. נ. שטענצל**,
רעדאַקטאָר **„לשון און לעבן“**.

נעמט צו אונדזערע האַרציקסטע, חברישע ברכות צום הונדערטסטן געבוירן־נומער פון „לשון און לעבן“. מיר ווייסן דעם שווערן דאָרניקן וועג, וואָס „לשון און לעבן“ האָט געהאַט דורכצוגיין ביז ער האָט דערגרייכט צום איצטיקן יובל. זאָל „לשון און לעבן“, מיט באַניטע און דערפרישטע כוחות, ווייטער שטיין אויף דער וואַך פונעם יידישן וואָרט, און מיט זיין עקשנותדיקן ווילן — דער ווילן פונעם אַלטן „עם קשה עורף“ — זאָל ער פאַרפאַנצערן דאָס יידישע ל ש ו ן אין אונזער ל ע ב ן דאָ.

אין נאָמען פון דער עקזעקוטיווע
פונעם יידישן זשורנאַליסטן און ליטעראַטן פאַריין אין ענגלאַנד

**א. מ. קייזער** פאַרזיצער.
**יוסף פרענקל** ערן־סעקרעטאַר.

* * *

### מ. מינדעל פארזיצער פון בילדונגס-קאמיטעט פון ארבעטער-רינג באגריסט „לשון און לעבן“

הונדערט נומערן איז ניט קיין גרויסע צאָל פאַר אַ שריפט, דאָס מיינט 100 מאָנאַטן, 8 יאָר, 100 נומערן, וואָס איז דאָס פאַר אַ גרויסע אויפטועכץ?

אָבער ווען מען נעמט אין אַכטאַפּאַכט, ווי אַזוי דער זשורנאַל איז אַרויס און אונטער וועלכע אומשטענדן, דאַמאָלט קען מען פאַרשטיין אָפּצושאַצן דעם ווערט.

אַ רעדאַקטאָר אָן אַ רעדאַקציע, שרייבט אַרטיקלען, קאָרעגירט און פּאַסט אויף אויפן פאָרעם און איבהאַלט און דאָ מאַכט ער זיין רעדאַקציע אויף אַ שטיקל ווינקל פון שרייב טיש וואו עס זיינען שטענדיק פול מיט מענטשן און מען רעדט אַלע לשונות, ענגליש יידיש און העברעאיש.

און איך וואונדער זיך פיל מאָל ווי מען צו מישט אים נישט אין זיין קאָרעקטור. ער זיצט און פאַרטיפט זיך אין אַ קיצור של יוד, און עס קומט אַרויס אַ ריינער יידיש.

אונזער שטענצל דער טרעגער פון יידישן וואָרט, דער רעדאַקטאָר, דער פּאָעט דער קולטור טוער דער פאַרטיידיקער פון יידיש האָט אונז געבראַכט אַ מתנה פאַר ווייטשעפּל 100 נומערן פון ליטעראַרישע ווערטן, פּאָעזיע פּראָזע, קריטיק און פּאָליטישע איבערזיכטן.

מיר אָנערקענען די חברים וואָס העלפן מיט און שרייבן און אין פאַרשפּרייטן און שאַפן פינאַנציעלע מיטלען וועלכע זיינען ווייט נישט גענוג. אָבער מער פון אַלץ דאַרפן מיר אָפּשאַצן די באַדייטונג פון אַזאַ שריפט פאַר אונז אין ענגלאַנד.

עס האָט אַריינגעבראַכט אַ שטראַל פון ליכטיקייט. יעדער וויל וויסן, וואָס וועט זיין אין קומענדיקן נומער „לשון און לעבן“ און יעדען נומער איז פאַראַן איבערראַשונג, און „לשון און לעבן“ איז געוואָרן אַספּאַרט פאַרשטעכטער פון פאַרלויף פון מאָנאַט. „לשון און לעבן“ איז געוואָרן אַספּאַרט פאַר מיליע זשורנאַל. מען זוכט אַ שטיקל בראַניק און אַנדערע זוכן אַביסל יידישע פאָלקסטימלעכקייט און אפילו הומאָר, וועלכע מען געפינט אָפּט.

מיר ווינטשן אים דערפאָלג אין זיין ווייטערע אַרבעט און די דערגרייכונג פון אַ גרויסע צאָל לייענער, וועלכע וועט פאַרשטיין ווי אָפּצושאַצן פאַר זיין מי.

**מ. מינדעל**, פּאַרזיצער
פון בילדונגס־קאָמיטעט, אַרבעטער־רינג.

* *

## באַגריסונג פון יידישן ארבעטער הילף קאָמיטעט אין ענגלאַנד



א. נ. שטענצל באַגריסט די יתומים־קינדער אין נאָמען פון „לשון און לעבן"

דער יידישער אַרבעטער הילף קאָמיטעט אין ענגלאַנד באַגריסט דאָס דערשיינען פון הונדערטסטן חודש־זשורנאַל, „לשון און לעבן", פון פריינט פון יידיש לשון.

מיר ווינטשן אייך אויף ווייטער פאַרטצוזעצן אייער אַרבעט מיט דערפאָלג.

**מ. קלאַק**, פּאַרזיצער, **מ. וו. פּאַדאַלסקי**, קאַסירער, **ס. עלשטיין**, ערן סעקרעטאַר.

* * *

די געזעלשאַפט פריינט פון דער „נייער פרעסע" אין לאָנדאָן, באַגריסט דעם רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן" צו דעם 100סטן העפט און ווינטשט אים ווייטער־דיקן דערפאָלג אין זיין ווייטערדיקער אַרבעט.

סעקרעטאַרין, **פּ. לעזמאַן**

* * *

חשובער פריינט **א. נ. שטענצל**,

צו דער הונדערטסטער אויסגאַבע פון אייער זשורנאַל „לשון און לעבן" שיק איך אייך מיין האַרציקסטן „מזל טוב".

אייער זשורנאַל איז אַ וויכטיקער אינסטרומענט פאַר דעם יידישן וואָרט אין ענגלאַנד און איך ווינטש אייך גרויס דערפאָלג אין אייער ווייטערדיקער אַרבעט.

מיט גרוס,
**קאַרל בוים** רעדאַקטאָר פון „דזשואיש אַפּערס".



## אידיש קולטור צענטער — לידס
## באַגריסט „לשון און לעבן"

זער חשובע חברים און „פריינט פון יידיש לשון",

מיר, דער קאָמיטעט פון „אידישן קולטור צענטער" אין לידז, מיט אונזערע מיט־גלידער און סימפּאַטיקער באַגריסן אייך צום ערשיינען פון דעם 100־טן נומער „לשון און לעבן", און מיר ווינטשן אייך ערפאָלג אין אייער ווייטערדיקער אַרבעט אין פאַרשפּרייטן אין ענגלאַנד יידישע קולטור און יידיש לשון, וואָס איז דאָ אַזאַ נויטווענדיקייט.

זאָלן געשטאַרקט זיין אייערע הענט, חברים.

אין נאָמען פון קאָמיטעט פון לידזער „אידישן קולטור צענטער",

**וואָלף ריווקין**, סעקרעטאַר
**יעקב טיילאָר**, פּאָרזיצער

* * *

## אלוועלטלעכער יידישער קולטור-קאָנגרעס
## באַגריסט „לשון און לעבן"

רעדאַקציע **„לשון און לעבן"**,

דערלויבט אונדז צו באַגריסן די „פריינט פון יידישן לשון" לכבוד דעם 100־טן נומער פון אייער חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן", וואָס דערשיינט בקרוב אין ענגלאַנד.

ס'איז געווים אַ גרויסע אָנשטרענגונג געווען פאַר אייך די בסדר'דיקע זאָרג פאַר אייער זשורנאַל. פאַרדינען גרויס אָנערקענונג די אַלע פריינט, ווי אויך דער רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל און די אַדמיניסטראַציע פון „לשון און לעבן".

מיר ווייסן אַז ס'איז ניט געווען לייכט אייער וועג אין „אייער קולטור אָרימען יידישן ישוב אין ענגלאַנד", און מיר שאַצן אָפּ אייערע באַמיאונגען. זאָל אייך לייכטער ווערן די אַרבעט אויף שפּעטער.

מיט בעסטע וואונטשן,
**מ. ל. בראַון**
פּראָגראַם־סעקרעטאַר

ניו־יאָרק 16־טן אַפּריל 1948

* * *

## מרכז התרבות „בית בנימין"

לכבוד הסופר הנכבד מר **א. נ. שטנצל**,
עורך „לשון און לעבן", לונדון,
א.נ.

יקבל נא את ברכתנו הלבבית לחוברת המאה של ירחוננו „לשון און לעבן", המשמש כלי מבטא לכוחות האינקטואליים, הספרותיים והאמנותיים באנגליה רבתי.

הננו מאחלים לירחוננו עוד שנים רבות של הופעה פוריה, שילכד סביבו את הכוחות הרוחניים התוססים בגולה.

בכבוד רב, בשם ועד מרכז התרבות,
**י. אפרתי**
**א. סוסליק**

תל־אביב ט ניסן תש"ח.

## פראָפ. היינריך לעווע באַקאַנטער ציון-פירער באַגריסט „לשון און לעבן"

פראָפעסאָר ה. לעווע, לייטער פון דער שטאָדט-ביבליאָטעק אין תל-אביב גיט איבער זיין גרוס צו אונזער א"י מיטאַרבעטער ש. ערנסט.

פראָפעסאָר לעווע שרייבט:

„אין אומתנו אומה אלא בתורתה ובספרותה". מימרא זו תורה שלמה בה. בתוך גלי השנאה הרוצים לשטוף אותנו יש נקודת-אורה, נקודת-משען בירחון ספרותי, שיכול לשמש שריון נגד פגעי הזמן ומשברי גליו, המשתערים עלינו בזעף אפם.

את עורך הירחון המשורר שטנצל הנני מכיר מברלין כאדם יקר הערך, בעל מדות תרומיות משורר ענוג שבספרי-שירה הביע את תוכן-נפשו. אידיאה היא השלטת בחייו, ולפי חשיבותו אני דן גם על ירחונו „לשון און לעבן", שברכתי נתונה ליובלו.

פרופ. ד"ר היינריך לווה

* * *

## הספריה העירונית

לכבוד הסופר הנכבד מר **א. נ. שטנצל,**
עורך „לשון און לעבן", לונדון,
א.נ.

יקבל נא את ברכתנו להופעת חוברת המאה של ירחונו החשוב „לשון און לעבן".

שמחנו מאד כי בב' פורסם בירחונו מאמרים על סופרי א"י י. בורלא והשירה העברית הצעירה בחוברות האחרונות של ירחונו ובאמצעותו ניתנה האפשרות לקורא האידי להכיר את ספרותנו המתחדשת על ארץ האבות.

בכבוד רב ובהוקרה,

תל-אביב ט ניסן תש"ח — **ש. ארנסט** בשם המנהל

* * *

## קאַמענדאַנט פון „רויטן מגן דוד" אין ארץ ישראל באַגריסט „לשון און לעבן"

תל-אביב, 15.4.48

לכבוד
הסופר הנכבד מר **א. נ. שטענצל,**
עורך „לשון און לעבן", לונדון,

א.נ.

לרגל הופעת חוברת המאה של ירחונו החשוב „לשון און לעבן" יקבל נא את ברכתי הלבבית.

בירחונו הנאה הנני רואה אחת מאבני הפינה בבנין ספרותנו, המשך ישר מתופעות תרבותנו. מאה החוברות של ירחונו „לשון און לעבן" הן חטיבות נאות בלשון האידית ובספרותה בגולה.

**משה פרנקל**
הקומנדנט של „מגן דוד אדום" בארץ ישראל



## ד"ר י. מיכלין פרעזידענט פון „בני-ברית" אין תל-אביב באַגריסט אונדזער זשורנאַל „לשון און לעבן"

לכבוד עורך „לשון און לעבן", לונדון,

א.נ.

ברכתי הלבבית לירחונכם החשוב להופעת חוברת המאה. חוברת ה-100 הישג הוא ליצירה ולבמה ספרותית אמנותית, הוליא נאה לשרשת היצירה הנארגת על-ידכם.

ד"ר י. מיכלין (תל-אביב.

תל-אביב, א"י.

* * *

## באַגריסונג פון אַקטיווע טוער אין תל-אביב פריינט פון לשון און לעבן

טייערע חברים!

צוזאַמען מיט אַלע פריינט פון „לשון און לעבן" אין לאָנדאָן זוכן מיר אויך צו פאַרגרעסערן און פאַרשפּרייטערן אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן". מיר ווייסן ווי אָפּצושאַצן דעם אויפטו פון אַרויסצוגעבן גאַנצע הונדערט נומערן פון אַ חודש זשורנאַל, וואָס קאָנצענטרירט אַלע כוחות פון שרייבער און קינסטלער אין איין אכסניא.

מיר באַגריסן דעם זשורנאַל צום הונדערטסטן נומער און ווינטשן אים אריכות ימים.

מיט פריינטלעכע גרוסן,

**א. רייטמוק, א. פינקאַס,**
**ח. קליין, וו. זייפערט, ה. איון**

* * *

## באַגריסונג פון העברעאישן שרייבער און טוער י. אהרוני-זאַקהיים צום „לשון און לעבן"

טייערער פריינט **א. נ. שטענצל,**

ווער קען אַזוי אָפּשאַצן אייער זשורנאַל ווי איך, וואָס איך געדענק אייך נאָך פון סאָסנאָוויץ.

ווער פון אונז סאָסנאָוויצער געדענקט נישט אברהם נחום'ל דעם עילוי, וואָס האָט געלערנט אין טשענסטאָכאָוו? שפּעטער בעת איר האָט געגרינדעט אין טשענסטאָכאָוו דעם „החלוץ" און איר פלעגט זאָגן דריי מאָל אין וואָך אַ שיעור גמרא מיט תוספות פאַר די „צעירי המזרחי", זיינען מיר דאָך זיכער געווען, אַז עס וואַקסט אויף אַ צווייטער ריינעס.

אָבער ווי זאָגט דאָס שפּריכוואָרט: „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". פאַרט גאָר שטענצל אַוועק קיין האָלאַנד און ווערט שפּעטער אַ באַרימטער דיכטער אין דייטשלאַנד, און מען דרוקט זיינע לידער אין איבערזעצונגען אין פּויליש און אין דייטש. עס דערשיינען אַ בוך נאָך אַ בוך פון לידער און פּאָעמען.

דערנאָך ווערט שטענצל גאָר מגולגל אַלס אַ רעדאַקטאָר אין לאָנדאָן. פאַר זיינע פריינט פון די יונגע יאָרן איז אָבער נאָך אַלץ טייער און ליב זייער אברהם נחומל דער עילוי. זיי זוכן נאָך אַלץ שטאַלץ אויף יענעם בישראל, וואָס די יידישע עטיק איז נאָך אויצט די גרונט-אידייען פון זיין שאַפונג.

אָט דעם דאָזיקן שטענצל באַגריסן מיר זיינע לאַנדסלייט אין ארץ-ישראל צום הונדערטסטן יובילוי פון זיין זשורנאַל „לשון און לעבן".

**י. אהרוני-זאַקהיים**

ב"ה, י"א לעומר, שנת „בנין ירושלים", תש"ח לפ"ק.

כבוד ידידי הנכבד, הסופר ומשורר החשוב,

מר **א. נ. שטענצל**, נ"י,

שלום וברכה!

צום דערשיינען פון 100־טן נומער פון אייער אויסגאַבע „לשון און לעבן", וויל איך אייך ווינטשן גליק און כל טוב. און אַז אייער ווייטערדיקסטע אויסגאַבעס זאָלן אַרויסגעגעבן ווערן אין ארץ ישראל. ווייל פריינט פון יידישן לשון זיינען פריינט פון דער יידישער פאָלקס־מאַסע, און ממילא פריינט פון ארץ ישראל, געבויט על יסודות הנביאים.

איך בין צופרידן וואָס איך געהער צו די „פריינט פון יידישן לשון", צו די פריינט פון דער יידישער קולטור, אויף וויפיל זי איז יידיש, פאָלקסטימלעך און ענטהאַלט בילדער, זכרונות, שאַפונגען פון יידישן לעבן.

יאָ, פריינט שטענצל! מיר געדענקען נאָך גוט יענע שרעקלעכע טעג און נעכט אין די איסט ענדער שעלטערס, ווען איר האָט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן נומער. מיט שטאָלץ קענען מיר היינט זאָגן, אַז מיר זענען געווען די, וועלכע האָבן נישט פאַרלאָזט די פאָלקס יידן, אין קיין אומשטענדן. מיר ביידע יעדער אויף זיין שטייגער האָבן געטריוסט, געשטאַרקט די פאָלקס יידן אין פאַרשיידענע וועגן... אויף דעם קענען עדות זאָגן די שעלטערס אין דעם ווייטשעפּל דיסטריקט, און די יידן, וועלכע האָבן נישט געקענט און נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו אַנטלויפן....

אפשר וועלן „טייל" האָבן „טענות", אַז אין די בראַשורן איז דאָ „אַפּיקורסות", קענט איר זיי ענטפערן: אַז מיר געדענקען נאָך גוט אַז די טייל „ביכער־ספרים", וועלכע זענען שוין באַלד פאַרהיילּיקט און, לײדער, אַז אפילו די אולטראַ־אָרטאָדאָקסיע שעפּט שוין פון זיי ערזאַץ יידנטום אָן פאָלקסטימלעכער אהבת ישראל, — וועלכע אונזערע עלטערן ז"ל, וואָלטן די „ספרים ביכער", אפילו אין שטוב נישט אַריינגענומען, און בפרט ביי אַ שבתדיקן טיש....

אין פיל פון אייערע מאמרים, לידער, איז דאָך דאָ דער גרויסער טרויער ווייטיק פון אונזער גרויסן חורבן פוילן, פון אונזערע גדולים, גאונים, קדושים, פּשוטע טייערע פאָלקס יידן, אַנהויבנדיק פון ראַדאָמסקער רבין, הרב מנחם זעמבע, דער קאָזאַלגראַדער רב א.א. זצ"ל ביז די אַלע פּשוטע פאָלקס יידן פון אונזערע שטעדט און שטעדטלעך איינגעשלאָסן די גבורים פון די פאַרטיזאַנער ביז די וואַרשעווער געטאָ, הי"ד.

מיט שטאָלץ קענט איר, און מיר אַלע זאָגן, אַז אייערע „חסד נעוריך", דאָס התחברות צו די גדולי החסידות איז נישט פאַרלאָרן געגאַנגען ביי אייער גלות, נע־ונד לעבן, און דער הייליקער ניצוץ פון חסידישן התלהבות איז דאָ אין אייערע מאמרים, לידער און אפילו דער „מלאך רע בעל כרחו יענה"... אַז אפילו אין דער „קליפּה" איז דאָ אַ תוכן"... כידוע בספרי החסידים, און איך זאָג אייך דערפאַר חזק ואמץ.

בכל רגשי הכבוד,

**הרב יהושע שפּעטמאַן**

החונה במזרח לונדון, שכונת ווייטשעפּל



## באַגריסונג לכבוד דעם הונדערטסטן יובל נומער „לשון און לעבן"

רעדאַקטאָר **א. נ. שטענצל**,

זער חשובער פריינט,

מיר באַגריסן אייך צום דערשיינען פונם הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן". — איר האָט מוטיק געקעמפט און ווי אַן אמת'ער אידעאַליסט געאָפּפערט אייערע כחות, אייער צייט און געזונט פאַר'ן קיום פונם יידישן וואָרט. איר האָט מיט גרויס ליבע אָפּגעהיט די יידישע שפּראַך און די פריילעכע פון קינסטלערישן שאַפן אין אַזאַ בימערער צייט פון אונזער גרויסן גייסטיקן און פיזישן חורבן. זאָל דער גלויבן אייערער אייך שטאַרקן אין דער ווייטערדיקער וויכטיקער אַרבעט.

מיר ווילן אויך ביי דער געלעגנהייט באַגריסן און אויסדריקן אונזער אָנער־קענונג צו די פריינט: משה עובד, אליהו פאָלושאַק, י. ביעטש, דאָרא דימאַנט, נעט רובין און אייזיק גאָלדבערג פאַר זייער אידעאַליזם און איבערגעגעבנקייט צו העלפן אייך דערפילן די שווערע, אָבער זער וויכטיקע אויפגאַבע.

**י. א. ליסקי**
**נ. מ. סידא**

* * *

צום דערשיינען פונם הונדערטסטן נומער זשורנאַל „לשון און לעבן" באַגריס איך האַרציק סיי דעם רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל און סיי דעם קאָמיטעט.

איך ווינטש זיי און מיר... צו קענען זיי באַגריסן צום צוויי הונדערט־יעריקן דערשיינען פונם דאָזיקן זשורנאַל, וואָס האָט זיכער געהאַט זיין איינפלוס אויף דער יידישער גאַס.

די איניציאַטאָרן האָבן באַוויזן אַזעלכע אויסגעהאַלטנקייט מיט זייער עקשנותדיקער אַרבעט, כדי צו געבן דעם זשורנאַל אַט דעם אויסדרוק. אין לאָנדאָן איז דאָס נישט קיין קלייניקייט!

עס קומט זיי זיכער אַ גרויסן יישר כח!

**אסתר קרייטמאַן**

* * *

ליבער חבר און קאָלעגע **א. נ. שטענצל**,

מיינע האַרציקסטע באַגריסונגען צו דאָס ערשיינען פון דעם הונדערטסטן נומער פון אייער זשורנאַל „לשון און לעבן".

עס איז אָפּט צו באַוואונדערן די עקשנות און מסירת נפש, וואָס איר און אייערע חברים מיטאַרבעטער ווייזן אַרויס אין קאַמף אויפצוהאַלטן און פאַרטצוזעצן אייער וויכטיקע שליחות פאַר דעם יידישן ליטעראַריש־קינסטלערישן וואָרט.

פאַר מיר, אַ תושב אין לאָנדאָן מכמה יאָרן, איז אַזאַ לאַנגער דויער פון אַ יידישן זשורנאַל אַ זעלטענע דערשיינונג. און איך מוז זיך מודה זיין, אַז בלויז אַזעלכע מענטשן ווי איר זענען געווען מסוגל צו דערגרייכן אַ ציל אין וועלכן אַסך אַנדערע פאַר אייך זענען דורכגעפאַלן.

איך ווינטש אייך פון גאַנצן האַרצן צו דערלעבן די פייערונג פון טויזנטסטן נומער „לשון און לעבן", און דערמיט ווייטער צו העלפן דערהאַלטן דאָס שאַפנדיקע לעבעדיקע יידישע וואָרט ביי אונז דאָ אין לאָנדאָן.

איך באַגריס אייך צו אייער ליטעראַרישן יום־טוב.

מיט דרך ארץ,

אייער — **בן־א. סאָכאַטשעווסקי**

## דער דיכטער שמואל וואהייט
## באַגריסט „לשון און לעבן“

חשובער פריינט **א. נ. שטענצל**,

מיין האַרציקע באַגריסונג צו אייער 100־טן נומער „לשון און לעבן“. עס איז באמת אַ היסטאָרישע דערגרייכונג דאָ אין לאָנדאָן, אַז אַ יידישער חודש־זשורנאַל זאָל דערגרייכן אַזאַ נומער. איך ווייס אונטער וועלכע באַדינגונגען און אָנשטרענגונגען איר האָט געאַרבעט, און וויפל מי און געזונט עס האָט געקאָסט, דערפאַר טאַקע קומט אייך אַ טאָפּלטן יישר כוח.

איך ווינטש אייך און די גאַנצע אַדמיניסטראַציע פון „לשון און לעבן“ ווייטערן דערפאָלג און אַ מער וויכטיקע ליטעראַרישע טעטיקייט.

פאַרבלייב מיט דרך ארץ,

**שמואל וואהייט**

* * *

צו דער רעדאַקציע „לשון און לעבן“.

איך האַלט פאַר מיין חוב צו באַגריסן אייך פריינט א. נ. שטענצל און אייערע מיטאַרבעטער אין דעם זשורנאַל „לשון און לעבן“, וועלכע פייערט איצט דעם יובל צום דערשיינען פון דעם 100־סטן נומער.

עס איז אַ גרויסע זאַך אַרויסצוגעבן אין לאָנדאָן אַ ליטעראַרישע אויסגאַבע, און צו דערגרייכן די צאָל פון 100 נומערן, דערצו אין אַ צייט פון אַזעלכע טראַגישע איבערלעבענישן.

נעמט צו מיינע האַרציקסטע ברכות פאַר ווייטערדיקער דערפאָלגרייכער אַנטוויקלונג. —

אייער — **מאַרים קאַן**

* * *

## ש. זאלקין און פרוי

באַגריסן צום 100־סטן נומער „לשון און לעבן“ דעם רעדאַקטאָר **א. נ. שטענצל**, דעם פרעזידענט פון „פריינט פון יידיש לשון“ **משה עובד** און אַלע מיטאַרבעטער.

* * *

## מזל און ברכה

אַ האַרציקע באַגריסונג צו דער דערשיינונג פונם הונדערטסטן נומער פון „לשון און לעבן“, ותרתי משמע, אַ דאָפּעלטע ברכה, דעם זשורנאַל אַ פּרוכטבאַרן המשך און קיום לעתיד לבא, און אחרון אחרון חביב, דעם משורר בחסד עליון, און רעדאַקטאָר **א. נ. שטענצל**, כה לחי.

**צבי ארנשטיין**

* * *

ידיד יקר ונכבד ר׳ **אליהו פאלושאק**,

איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער בריוו און ווינטש אייך, און אונדזער חשובן רעדאַקטאָר, פריינט ר׳ **אברהם נחום שטענצל** נ״י, אַסך גליק און מזל ברכה צום דערשיינען פון דעם הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן“.

מען זאָגט דאָך עפּעס: „ווער עס האָט די מאה דער האָט די דעה“.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז דער זשורנאַל פונדעוועט זיך איין וואָס אַמאָל מער. זאָלט איר מיט מזל אַזוי ווייטער אָנגיין.

מיט בעסטע גרוסן,

**יחזקאל נח ערלעכמאַן**





אין 1940 בין איך געווען אויף אַ פאַרזאַמלונג עס איז צו געקומען אַ יונגער־מאַן מיט אַ שמייכלדיקן פּנים און מיר געפרעגט אויב איך וויל קויפן אַ פּאָר בראָשורן. איך האָב גענומען די העפטלעך און ער איז אַוועק. האָב איך נאָכגעפרעגט ווער דאָס איז, און ווען מען האָט מיר געזאָגט אַז ער הייסט שטענצל, — דעם נאָמען האָב איך געקענט פון לעזן זיינע דיכטונג און אַרטיקלען — האָב איך מיר פאַרטראַכט וועגן דעם מצב פון אונזערע יידישע שרייבער און אידעאַליסטן וועמען איך האָב געקענט פאַר איבער 50 יאָר, אַ היסטאָריע פאַר דעם קאַמף פאַר יידיש אין ענגלאַנד.

פון דעם ערנסטן קליינעם ציימינגעל דער „השולמית“ פון משה בריל 4 זייטלעך וועכנטלעך, די גרוים פון „לשון און לעבן“; דער וועכנטלעכער „יידישער עקספּרעס“ אין לידז 1897, נאָכדעם דער טעגלעכער אין לאָנדאָן; דער גרויסער „יידישער זשורנאַל“ 1905, רעדאַקטאָר י. ל. דאָלידאַנסקי ביז „יידישע וועלט“ 1914 רעדאַקטאָר ס. דינגאַל און די אַלע אַנדערע יידישע ציימונגען און זשורנאַלן וואָס זיינען ערשינען אין ענגלאַנד און האָבן געהאַט די מוזנטער לעזער, וועלכע זיינען געוואָרן ווייניקער און ווייניקער יעדן יאָר—דאַרף אַזאַ יידישער שרייבער אַליין אַרומגיין צו פאַרקויפן זיינע העפטלעך. עס איז דערפאַר אַ גרויסער יום־טוב פאַר אַלע ליבהאָבער פון יידישן לשון אַז דער העפט „לשון און לעבן“ האָט דערלעבט זיין 100־טן נומער און מען דאַרף אויסדריקן אַ גרויסן דאַנק צו דעם רעדאַקטאָר **א. נ. שטענצל** און זיין קאָמיטעט פאַר די גרויסע און שווערע אונטערנעמונג און זיי ווינטשן פאַר דער צוקונפט מיט די ווערטער פון לך בכחך זה.

**ת. ב. הערזואלד**

* * *

אָט איז נאָר וואָס אָנגעקומען „לשון און לעבן“. אַ האַרציקן דאַנק. דערלויבט מיר אויך אייך אויסדריקן מיין האַרציקסטע באַגריסונג צום דערשיינען פון הונדערטסטן נומער פון אייער חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן“.

מיט יידישע קולטור־גרוסן, אייער,

**י. ראגעל**, קאַנאַדע

* * *

## באוואוסטער שרייבער אונדזער מיטארבעטער זיינוול דיאמאנט
## באגריסט „לשון און לעבן“

חשובער פריינט און קאָלעגע!

צוליב מיין קראַנקייט און צוליב מיין אָפּוועזנהייט פון זשענעווע, האָב איך אַביסל שפּעטלעך זיך געכאַפּט אַז איר גרייט זיך צו פייערן אַזאַ וויכטיקן יום־טוב — דעם הונדערטסטן נומער פון אייער זשורנאַל. אַזאַ מין פייערונג איז אפילו פאַר פיל גרעסערע יידישע ישובים, בעוונותנו־הרבים, אַ גאָר גרויסע זעלטנהייט און בפרט נאָך אין דעם פאַרענגלישטן לאָנדאָן. פריי איך זיך דעריבער שטאַרק מיט אייערע דערגרייכונגען, און כאָטש פון ווייטן, וועל איך מיט אייך מיטפייערן אָט דעם יום־טוב, צו וועלכן איך פיל זיך אין טאָפּלטער שייכות — אַלס אויפמערקזאַמער לייענער און אַלס אַמאָליקער מיטאַרבעטער. נעמט צו מיינע האַרציקסטע ברכות און די בעסטע גרוסן פאַר אייך און פאַר אַלע פריינט פון יידישן לשון.

אייער,

**זיינוול דיאמאנט**

זשענעווע 27־טן אַפּריל 1948

# דער ערשטער הונדערטער...

(אַ באַגריסונגס־בריוועלע צו מיין פעטער, צו זיין 100־סטן „לשון און לעבן")

דודי היקר! ווי קען זיך אַ פּלימעניק נישט פרייען מיט אַזאַ בשורה אַז זיין פעטער, איז מיט מזל, נתעשר געוואָרן. אַ קלייניקייט, אָנגעזאַמלט דעם ערשטן הונדערטער.

ווען זאָלסט וועלן פאָלגן מיין עצה, וואָלט איך דיר געראָטן, אפילו, אַז דו זאָלסט דיך לאָזן באַגנוגענען מיטן הונדערטער און זיין אַ „שמח בחלקו", וועסטו בלייבן דער אמת'דיקער „עושר". אָבער, כ'בין שטאַרק מסופּק צו דו וועסט מיין עצה טובה אָננעמען; ס'איז דאָך אַן אַלטער כלל: „מי שיש לו מנה רוצה מאתים"...

* * *

ווען דו זאָלסט דיך גוט פאַרטראַכטן, וואָלסטו איינגעזען אַז איך בין גערעכט. כ'ווייס אַז דו ביסט כסדר געוואוינט דיר אָפּצוגעבן אַ חשבון הנפש; ס'קומט אָבער אַ מאָל אַ צייט ווען מ'מוז זיך אויך אָפּגעבן אַ חשבון־הגוף! דו האָסט דאָך צו דיין „לשון און לעבן" שוין אָוועקגעלייגט אַ האַלב־לעבן ביז הונדערט־און־צוואַנציק... ליוגסט אַריין דערין דיין שוויים און בלוט און האָסט דיך נאָך אַלץ נישט ריכטיק „אויסגעשוויצט". ס'קאָסט דיך „ממון און דמים" און פרעגסט נאָך אַלץ: „כסף מנא־לן"?

אמת טאַקע, אַז „לשון" האָסטו נאָך. אָבער צום לשון ברויך מען דאָך נאָך „לעבן" אויך. און גיי מאַך אַ לעבן מיט אַזוי פיל „בייזע צינגער" אַרום דיר — חגם, די שטעקסט צו זיי אַלע אַרויס אַ לאַנגע צונג — קיין האָניק לעקסט דו אָבער נישט מיט איר.

* * *

און אויב „לשון און לעבן" איז נאָך נישט גענוג — מוזטו דאָך אויך דאַגה'ן יעדע וואָך: „פון וואַנעט נעמט מען אויף שבת"? — כ'מיין נאַכמיטאָג. ביי דיר איז דאָך אַ שבת־נאַכמיטאָג נישט פון די קליינע זאַכן. דו לאָזט דאָך דיך נישט באַגנוגענען מיט עפּעס־וואָס. דו מוזט דאָך שטענדיק האָבן דעם אמתדיקן קאָרפּן־קאָפּ... און קיין אשת־חיל, אַן „עזר־כנגדו" האָסטו דאָך אויך נישט.

סתם „כנגדים" האָסטו דערפאַר שוין גענוג און נישט איינמאָל פאַרשטערן דיר אפילו דיינע אייגענע גוטע פריינט דיינע שבתים...

* * *

וואָס קומט מיר אָבער אַרויס פון מיין גאַנצן אויסטענה'ן זיך מיט דיר, אַז איך ווייס ס'איז אַן עבירה מיינע אַרויסגעוואָרפענע רייד. דו ביסט דאָך אַן איינגעשפּאַרטער עקשן. איז רעד היינט, רעד מאָרגן — „ויהי ערב ויהי בוקר" און שוין גייט אַרויס אַ נייער נומער „לשון און לעבן"....

כ'בין דיר שוין מוחל דעם רייכן פעטער, וואָס איך האָב אַמאָל געהאָפט אַז איך וועל אַמאָל אין דיר דערלעבן. זאָל שוין זיין אַ פעטער־אַ־דאַרער, אַ קבצן. — אָבער, על־כל־פנים אַ פעטער. זאָל ער לעבן און געזונט זיין, מיט „לשון" און מיט „לעבן"!

דיין פּלימעניק,
נחום שטענצעל

* * *

איך באַגריס דעם **„לשון און לעבן"** צו זיין הונדערטסטן נומער.

**ביטרים בעקערמאַן**



## באַרימטער העברעאישער דיכטער פון א"י חיים אלחנן (י. ח. בן דוד) באַגריסט „לשון און לעבן"

איך באַגריס פון ארץ ישראל דעם חודש זשורנאַל „לשון און לעבן" אין וועלכן איך זע דעם ערנסטן אויסדרוק פון יידישן שאַפן. יעדער נומער שפּרודלט מיט וואַנטלעכן ענטוזיאַזם, מיט איבערגעבנקייט און מסירות־נפש פאַר קולטור־ווערטן.

אין שיין פון שאַפערישן אויפטו פון אַ קאָלעגע אַ דיכטער ווי א. נ. שטענצל, וויל איך דאָ נישט אָפּשאַצן דעם זשורנאַל. איך וויל נאָר אָנדייטן אַז עס איז דאָ עפּיס אַ דיכטערישער „יש" אין יעדן נומער. קענסט וואַרפן דאָס צינגל פון דער וואַנשאַל אַהין און אַהער אויף רעכטס און לינקס, עס איז וואַגיק אין איכות. עס איז פאַראַן עפּעס אַן עטישער כאַראַקטער שוין אינם זוכעניש: קנאָספּן פון יצירה עפענען זיך פונאַנדער און זיי צובליען זיך מיט קאָליר און מיט ריח. עס איז דאָ אַ וועג און אַ שטעג און אַ סטעזשקע, אַזוי ווי אינם לאַבירינט פון א. נ. שטענצל'ס לידער.

י. ח. בן־דוד (חיים אלחנן)

תל־אביב, 15.4.48

* * *

## באַגריסונג פון אונזער א"י־מיטאַרבעטער מתתיהו פאַפּירמייסטער

ווערטער פריינט **א. נ. שטענצל!**

נעמט צו מיין האַרציקע באַגריסונג צום הונדערטסטן העפט פון „לשון און לעבן".

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו דרוקן ביי אייך מיין אַרטיקל וועגן „די שפּאַנישע אנוסים" (אין אָקטאָבער נומער, 1947) און אייער זשורנאַל האָט אַרויסגערופן צווישן אונדז העברעאישע שרייבער אין ארץ ישראל אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט.

מיר האָפן אויך אויף ווייטער צו זיין אין קאָנטאַקט, און זאָל אייער זשורנאַל דינען אַלס אַ בריק צווישן א"י און גולה. מיר הברים ווייסן דאָ, ווי אַזוי צו שאַצן אייער הייליקע אַרבעט.

זייט מיר האַרציק געגריסט, אייער
**מתתיהו פאַפּירמייסטער** (ו. זרובבל)

ירושלים.

* * *

## יידיש־העברעאישער שרייבער פון ארץ ישראל יעקב פערנבאַך באַגריסט „לשון און לעבן"

פאַר מיר איז די דערשיינונג פון 100־טן נומער „לשון און לעבן" אַ פּערזענלעכע ערינערונג. מיטן רעדאַקטאָר פונם זשורנאַל איז גראַד פאַרבונדן מיין דעביוט. שטייענדיק איצט אינם פראָנט אויף שמירה אין כפר אז"ר איז פאַר מיר געווען דער לעצטער נומער „לשון און לעבן" מיט מיין אַרטיקל וועגן דער ביי פטורים־פישע דיכטונג אין ארץ ישראל אַ ליכטיקע ערינערונג פון דער אַלטער היים. כ'האָב זיך דערמאָנט אָן שטענצלען וואָס איז אין מיינע אויגן פון די אָריגינעלסטע און האַרציקסטע דיכטער ביי אונז. כ'וויל נאָר דערמאָנען זיינע פּאָעמעס

פון דער אַלטער היים, זיינע געשטאַלטן פון די גדולי־החסידות, וואָס זיינען אמתע פּערל פון אונזער מאָדערנער דיכטונג. כ'חזר איבער וואָס כ'האָב אַמאָל געדרוקט, אַז שטענצל איז אַן און פאַר זיך אַ ריכטונג אין אונזער ליטעראַטור.

„כשהאדם נער אומר דברי זמר" — ווען דער מענטש איז יונג זינגט ער. סאַראַ ווייטפאַרגייענדיקער מהלך איז אָבער דאָ אין אייער שירה פון אייער ערשטן בוך „לידער און געדיכטן" און פון אייער צווייטן בוך „און די ביסט גאָט" פון אייערע ליבע לידער „זוך איך דיר" און אייערע דאָרפס לידער „שטיל לעבענס" ביז אייער לעצטער ציקל לידער „פאַר די טויערן פון ירושלים".

ס'וועט מיר שוין איצט נישט זיין אַזוי גרינג וועגן אייך צו שרייבן ווי אַמאָל. סיי עמאָציאָנעל און סיי געדאַנקליך זענט איר שוין אַסך אויסגעוואַקסן.

ביי מיר איז אָבער נאָך אַלץ איינגעבאַקן אין האַרצן א. נ. שטענצל פון אַמאָל דער שטענצל וואָס זיצט אין תפיסה און שאַפט דאָרט זיינע יצירות, שטענצל דער מאַרטירער פון יידישן וואָרט אין גלות־דייטשלאַנד וואָס חברט זיך מיט עלזא לאַסקער־שילער.

איר וועט אייך זיכער דערמאָנען ווען א. זול האָט איבערזעצט אייערע לידער אין דייטש און דער דיכטער טובים — אין פויליש, ווי איך האָב וועגן אייך געשריבן מיין צווייטן אַרטיקל ביי לאַצק בערטאַדלין אין „פרימאָרגן". איך האָב שפּעטער אויך אָפּגעשאַצט אייער „לידער זאַמלונג" אין דער סעריע פּובליקאַציעס פון יונגע קינסטלער פון אַלע לענדער און אמונות. און בעת איך בין איצט צוריק געקומען פון מיין רייזע אין אינדיען און איך האָב געהערט לעבעדיקע גרוסן פון ד"ר ש. אייזענשטאַדט און פון ד"ר י. מיכלין און אַנד., וואָס האָבן באַזוכט לאָנדאָן, און איך האָב אויך געלייענט ווי אַזוי אונזער דיכטער ה. לייוויק און אַנדערע שרייבער שעצן אָפּ אייער אַרבעט, האָב איך פאַר אייך אָנגעשריבן מיין עסיי וועגן דער נייער פוטוריסטישער דיכטונג, וואָס איר האָט אָפּגעדרוקט אין „לשון און לעבן" פון אַפּריל 1948.

איז עס טאַקע פאַר מיר אַן אמתער פאַרגעניגן אייך איצט צו באַגריסן צום 100־טן נומער פון אייער זשורנאַל „לשון און לעבן". איך האָב איצט דורכגעבלעטערט די 99 נומערן פון אייער זשורנאַל, און איך בין שטאָלץ דערויף אַז איך בין געווען פון די ערשטע שרייבער אין פוילן, וואָס איך האָב אויפמערקזאַם געמאַכט דעם עולם אויף אייער דיכטערישן שאַפן און עס איז פאַר מיר געווען אַן אָנגענעמע איבעראַשונג צו זען אַז א. נ. שטענצל, מיין ליבער דיכטער אינספּירירט רופט אַרויס רייץ און האָט אויך אין לאָנדאָן אַ שעפערישע השפעה אויף שרייבער און קינסטלער.

נייע שטראָמען זיינען אויפגעקומען ביי אונז אין פוילן, נייע שיטות אין דער העברעאישער דיכטונג אין ארץ ישראל, עס קריסטאַליזירט זיך אַלץ כסדר אויס אַ נייע יידישע דיכטונג. אייערע לידער געשריבן אין די לעצטע גרויזאַמע יאָרן, זיינען אויסגעפּיבערט און אויסגעפּייניקט פון שלאַפלאָזע נעכט וועגן דעם יידישן גורל. די לידער פון אומקום מיט די לידער אייערע „פאַר די טויערן פון ירושלים" — אַלע לידער זיינען אַ שענער המשך צו אייערע לידער־ביכער, וואָס איר האָט אַרויסגעגעבן אין אייער עפּאָכע.

פריינט שטענצל נעמט אָן אַ באַגריסונג פון אייערן אַ פאַרערער פון יענער זייט ים, וואָס קלאַמערט זיך איצט צו צו דער שוים פון דער מאַמעס ערד און יידישן חיימלאַנד. זייט מיר האַרציק באַגריסט און גיט איבער מיין גרוס אויך צו דער שענער משפחה שרייבער פון אייער חודש זשורנאַל.

אייער,

**יעקב פערנבאַך**



## אונדזער ארץ ישראל'דיקער מיטאַרבעטער ש. ערנסט פון תל-אביב באַגריסט „לשון און לעבן"

חשובער פריינט **א. נ. שטענצל**,

רעדאַקטאָר פון „לשון און לעבן", לאָנדאָן,

דערלויבט מיר צו באַגריסן אייער חודש זשורנאַל „לשון און לעבן" צו דעם הונדערטסטן נומער.

דאָס יידישע לאָנדאָן האָט שוין זינט לאַנגע יאָרן אַ חזקה אויף עקשנים, וואָס גיבן דאָרט אַרויס זשורנאַלן. אַ יונגער בחור'ל איז י. ח. ברענער געווען בעת ער האָט רעדאַקטירט זיין חודש־זשורנאַל „המעורר", וואָס ער האָט געדרוקט, מיט 40 יאָר צוריק אין נאַראָדיצקי'ס דרוקעריי, 48 מייל ענד רויד, איסט. ז. שניאור פלעגט זיך חכמה'נען אַז דער אדרעס איז: 48 מייל אין דער ערד. דער פאַר'עקשנ'טער יוסף חיים ברענער האָט אָבער צו זיין זשורנאַל צוגעצויגן די בעסטע ליטעראַרישע כוחות צו יענער צייט.

איצט האָט איר איבערגענומען די דאָזיקע מדה פון עקשנות און איבער די שריפות פון די יידישע אותיות פלאַטערן העפט נאָך העפט שוין צום הונדערטסטן מאָל נייע אותיות פאַרברידערט דורך ווערטער פון שרייבער און קינסטלער.

איז טאַקע אייער חודש־זשורנאַל אַ שיינע מאַניפעסטאַציע פון יידישן לשון, און אייער זשורנאַל איז שוין אין משך פון די לעצטע יאָרן געוואָרן אַן אינטעגראַלער טייל פון דער יידישער פרעסע. דאָס יידישע ליד מיט דער יידישער דערציילונג און עסיי ווערט געדרוקט, און אייער זשורנאַל האָט שוין זיין אייגנאַרטיקע פיזיאָנאָמיע און אייער פייגער דרוק אַלס רעדאַקטאָר איז קענטיק אין יעדן נומער.

אַסך וואַסער איז פאַרלאָפן פון נומער איינס ביז נומער הונדערט, אין מאַי 1948. דאָס יידישע לעבן אין אייראָפּע איז מאַוס'דיק פאַרשניטן געוואָרן דורכ'ן כרת פון מיליאָנען יידישע לעבנס, און מער נאָך ווי, פריער נויטיקן מיר זיך איצט אינם קאָנצענטרירן פון די ליטעראַרישע און קינסטלערישע כוחות. עס איז דער חיוב פונם רעדאַקטאָר פונם זשורנאַל צו האַלטן הויך זיין ליטעראַרישן באַרוף.

מיט באַרעכטיקן שטאָלץ קענט איר, פריינט א. נ. שטענצל קוקן אויף צוריק אויף די הונדערט נומערן פון אייערע אויסגאַבעס, וואָס האָבן זיך שוין פאַרוועבט אין אוצר פון דער יידישער יצירה. איר האָט געשאַפן אַ שענעם, אינהאַלטס־רייכן חודש־זשורנאַל, וואָס אי אין סטיל אי אין ריינקייט פון דער שפּראַך און אויך אין זיין אויסערליכער אויסגעשטאַלטונג איז ער אַ מוסטער פאַרן יידישן זשורנאַליזם.

**ש. ערנסט**

תל־אביב

* * *

חשובער פריינט **א. נ. שטענצל**,

ס'איז פאַר מיר אַ גרויס כבוד צו קענען אייך באַגריסן צום הונדערטסטן נומער פיערונג פון אייער זשורנאַל „לשון און לעבן". איך ווייס וואָס פאַר אַ שווערן לאַנגן וועג איר האָט געהאַט דורכצוקעמפן מיט יסורים און עגמת נפש ביז איר האָט זוכה געווען להוציא מכוח אל הפועל דעם באַטרעפנדן זשורנאַל און ברענגען צו אַזאַ מצב וועלכעס האָט פאַרשאַפט דעם פריינט פון יידיש לשון אַ גרויסן נאָמען אין די וויטע יידישע ישובים, בפרט אין ענגלאַנד. איך ווינטש אייך מר שטענצל און עד ועד בכלל ובתוכם מר עובד וועלכער האָט אַסך צוגעהאָלפן צו די חשובע אַרבעט, לאַנג לעבן צו קענען עוסק זיין לטובת הכלל מתוך נחת והצלחה.

**חזן שמואל ראטה**

ב"ה, מיטוואָך, פ' אחרי מות, תש"ח,

מידעלסבאָרא, יאָרקשייר.

געערטער רעדאַקטאָר,

מיר פרייען זער צו משתתף זיין זיך מיט מיין אָנערקענונג פאַר אייער זער געערטן זשורנאַל „לשון און לעבן". איך האָב נישט געהאַט דעם כבוד אייך פער־זענליך צו קענען נאָר ווי איז עס דאָס ווערטל, מברכותיו של אדם ניכר אז"ו. וויל איך אייך ווינטשן; אַז אייער זשורנאַל, דאָס מאָגערע בלעטל, וואָס עס פלעגט אַמאָל זיין, זאָל וואַקסן; גרויס חויך און ברייט, עס זאָל ווערן טאַקע אַ „רוח ממללא", אַ רייך אויגפלוסרייכער משפיע לטובת העם והארץ.

דברים שבלב האָט מען אונז געזאָגט אינם דברים, מיט בלויז רעדן איז מען טאַקע נישט יוצא, אויב די פריינט פון יידישן לשון זיינען טאַקע ערנסט, מוזן זיי זען אייך צו געבן די מעגלעכקייט צו קריגן מער אבאָנענטן אַזוי אַז עס זאָל זיין אַ סעודה שמספקת און איך בין זיכער אַז פיל מער קען אויפגעטאָן ווערן, אויב דער ווילן איז נאָר פאַראַן, אַלענפאַלס צו ווערן אַ בן־מאה, אין אַזאַ מאַטעריעלע מדינה, איז טאַקע אַ גרויסע דערגרייכונג און איך ווינטש נאָך אַ מאָל גרויס הצלחה אייך, און מיט אייער ליטעראַרישן „לשון און לעבן".

אייער זער אַכטענדער לעזער,

**רעוו. שלום יחיאל טערטעלדאָוו**

* * *

צום דערשיינען פונם 100־סטן נומער „לשון און לעבן" באַגריס איך דעם רעדאַקטאָר, פריינט א. נ. שטענצל און ווינטש אים דערפאָלג אין זיין ווייטערדיקער אַרבעט.

**מאַקס קאָהען**, קלעפּטאָן

* * *

איך באַגריס דעם רעדאַקטאָר **א. נ. שטענצל** און אַלע זיינע מיטאַרבעטער צום 1000־סטן נועמר פון „לשון און לעבן"

**זעליג פּאַלישוק**, גילדפאָרד, סאַררי

* * *

צום דערשיינען פונם 100־סטן נומער „לשון און לעבן" ווינטש איך דעם זשורנאַל און זיין רעדאַקטאָר **א. נ. שטענצל**, ווייטערדיקן דערפאָלג און אריכת ימים.

**יצחק מאַנדעלבוים**

* * *

מיר קענען א. נ. שטענצל אַלס דיכטער און קולטור־טוער, וואָס שטייט אויף דער וואַך און קעמפט פאַרן יידישן וואָרט. איצטער קענען מיר אים אויך אַלס רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון אַ חודש־זשורנאַל.

ווינטשן מיר אים מזל און ברכה אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען,

**מנשה ווייגראַז** און פרוי

* * *

צום 100־סטן נומער פונם חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן" באַגריס איך דעם רעדאַקטאָר **א. נ. שטענצל** און אַלע מיטאַרבעטער און ווינטש זיי ווייטערדיקן דערפאָלג אין זייער וויכטיקער אַרבעט.

**יעקב טיילאָר**, לידז



צום דערשיינען פון 100־סטן נומער „לשון און לעבן" ווינטשן מיר דעם רע־דאַקטאָר און רעדאַקציע ערפאָלג אין זייער ווייטערדיקער אַרבעט אויפן קולטורעלן געביט.

**יצחק קרעלמאַן, דאָראַ קרעלמאַן** און **האַררי אַריעל**

* * *

נעמט אָן מיין האַרציקע באַגריסונג צום דערשיינען פון הונדערטסטן חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן" פון פריינט פון יידיש לשון.

זעצט פאָר אייער גוטע אַרבעט פון באַקרעפטיקן דאָס קולטורעלע לעבן אין אַלע טיילן פון ענגלאַנד.

**ס. עלשטיין**

* * *

געערטע פריינט פון יידישן לשון,

אַ האַרציקע באַגריסונג צו דער דערשיינונג פון הונדערטסטן נומער פון חודש־זשורנאַל „לשון און לעבן". איך ווינטש אייך פיל דערפאָלג אין אייער ווייטערדיקער עקשנותדיקער אַרבעט.

געוויס איז אייער אַרבעט אַ גרויסע ביישטייערונג צו דער יידישער קולטור!

מיט אַכטונג,

**פּ. פיליפּס**

* * *

## באַגריסונג

מיין פרוי און איך באַגריסן האַרצלעך אונזער פריינט שטענצל מיט זיינע אוי־בערגעגעבענע מיטהעלפער, צו זייער גרויסע דערגרייכונג פון פייערן דעם 100טן נומער פון „לשון און לעבן".

מיר ווינטשן אייך פיל נחת און דערפאָלג אין אייער ווייטערע אַרבעט און אַ גרויסן ישר־כוח.

**לאה** און **שלמה**

* * *

צום הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן", באַגריס איך דעם רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל, פאַר זיין אומדערמידלעכע אַרבעט, פון אויסטראָגן דעם זשורנאַל פאַר לוי־טעראַטור און קונסט, גאַנצע אַכט יאָר אָן אַ הפסקה. אַריינברענגנדיק דערמיט אַ זשור־נאַל פון ליכט אין אונזערן פינצטערן לאַנדאָן. גלויבציימיק באַגרים איך דעם חבר פאַר די דערציילונגען פון היימישן שטעטל, אויך דעם פּאָעט, וואָס זיין פּאָעזיע ווערט געשאַפן פון אייזן, שער און נאָדעל.

איך ווינטש דעם זשורנאַל „לשון און לעבן" אריכת ימים און גרויסן דערפאָלג אין איר ווייטערדיקע קולטורעלע טעטיקייט פאַרן יידישן ישוב.

**ל. בעל.**

* * *

איך באַגרים האַרציק דעם רעדאַקטאָר און זיינע מיטאַרבעטער צום דערשיינען פונם הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן".

**מרס. טאַבאַטשניק**

* * *

חשובע פריינט,

איך ווינטש אייך צום 100־סטן נומער פון „לשון און לעבן" מזל און ברכה צו אייער ווייטערדיקער אַרבעט.

**יצחק פייגענבלאַט**

## „לשון און לעבן“

(צום דערשיינען פון 100סטן נומער פונם חודש זשורנאַל „לשון און לעבן“
אין לאָנדאָן רעדאַקטירט פון **א. נ. שטענצל**)

„לשון און לעבן“,
ס'איז אַ וווּנדער גאָר,
צו קאָנען אויסהאַלטן
שוין ס'צענטע יאָר.

ס'האָט קוים זיך געגלויבט
מיט יאָרן צוריק,
אַז לאָנדאָן וועט ווערן
מיט „לשון און לעבן“ באַגליקט.

איצט ווייס דאָס אַ יעדער
ס'איז אויך לייכט צו פאַרשטיין
אַז אָן „לשון און לעבן“
קאָן מען זיך מער ניט באַגיין.

ווייל יעטוועדן חודש,
טוט אויפסניי זיך צעוויקלען
אַ קינסטלערישע סעריע
פון ליטעראַרישע אַרטיקלען.

יאָ, „לשון און לעבן“
איז שוין אַ יידישער פאַקטאָר,
ווייל דער דיכטער א. נ. שטענצל
איז אַ ווויל*ער רעדאַקטאָר.

דערפאַר איז גאָר קיין ספק
אַז „לשון און לעבן“ אָן אַ צאָל,
דאַרף איצט ווערן געלעזן
בכל תפוצות ישראל!....

**אייזיק גאלדבערג.**
מאי, 1948

* * *

### פריינט פון יידיש לשון.

טייערע פריינט פון „לשון און לעבן“. איך בין געוואָרן 65 יאָר, און איך האָב דערהאַלטן מיין ערשטע פענסיע 2.6.0 אַ וואָך. און איך דענק, אַז אייך קומט די ערשטע וואָך צאָלונגען, וואָס זאָגט איר? איר און איך, זאָלן דערלעבן צו פייערן די עקזיסטענץ פון זשורנאַל 25 יאָר און דער פאַרקויף 25.000 עקזעמפלאָרן. און דאָן האָף איך אַז איר וועט האַלטן אייער פען, געוויסן און אידעאַל הויך, ווי איר טוט דאָס יעצט.

מיט די בעסטע און הערצלעכע גרוסן,

**רודשטיין-בלום**



## צו די פריינד פון „לשון און לעבן“

מיר די פרויען סעקציע פון בר. 3 אַרבעטער רינג שיקן אייך אונזער האַרציקע באַגריסונג צו דעם אַרויסגעבן דעם 100־סטן נומער פון אייער זשורנאַל.

מיר אָנערקענען אייער גוטע און וויכטיקע אַרבייט אויף דער יידישער גאַס אויפן ליטעראַרישן געביט. מיר ווינטשן אייך אַרויסצוגעבן דעם 1000־טן נומער.

פאַר דער סעקציע,

מיניטס־סעקרעטאַרין, **רחל מירסקי**

* * *

### „פרייע ארבעטער שטימע“ גרופע—לאנדאן באגריסט „לשון און לעבן“

איך שיק אייך אַ האַרציקן גרוס אין נאָמען פון די „פרייע אַרבעטער שטימע גרופע“. (לאָנדאָן) צו דעם דערשיינען פון אייער זשורנאַל „לשון און לעבן“ צום הונדערטסטן מאָל. און ווינטש אים לאַנגע אַירן פון מעטיקיים.

סעקרעטאַר, **ע. מייקעלס**

* * *

### באגריסונג פון פארלאג נאראדיצקי

מיר, די ברידער נאַראָדיצקי, דער פאַרלאַג „נאַראָד־פרעס“, באַגריסן דעם זשורנאַל „לשון און לעבן“, וועלכער דערשיינט יעצט אין דרוקעריי צום הונדערטסטן מאָל. מיר פרייען זיך מיט דער שמחה.

**בר כוכבא** און **כרמל נאראדיצקי**

* * *

איך באַגריס דעם זשורנאַל „לשון און לעבן“ צו זיין הונדערטסטן נומער. איך ווינטש אים דערפאָלג אויף ווייטער.

**עמנואל געלער**
מענעדזשער פון „נאַראָד־פרעס“

---

## דעם רעדאקטרס ווינקל...

קיינער זעט אים נישט, קיינער הערט אים נישט, ער זיצט זיך דאָרט שאַ שטיל אויף זיין אויסגעבעטן, ווייכן פאַטער־שטול, און מען ציטערט פאַר זיינס אַ וואונק; ער ברויך נאָר צוגעבן אַ וואונק אַרויס פון זיין ווינקל, און רעפאָרטערס טראָגן צו די נייעס, וועלכע ער וויל, פאָעטן גראַמען לידער, עסייאיסטן ציקלען זיך און דערציילער דערציילן די מעשה... און אַלץ אַזוי ווי ער וויל, קיין האָר נישט אנדערש! אַז נישט איז דאָ אַ גרויסער פאַפיר־קאָרב, אַ נאָך גרעסערע שער. און דאָס שטאַרקסטע פון אַלצדינג — אָן אַד־מיניסטראַציע!... (אַ שווער וואָרט, קוים נאָכצוזאָגן; שוין הונדערט העפטלעך אַ רעדאַקטאָר און קאָן נאָך אַלץ דאָס וואָרט נישט נאָכזאָגן.) און אַז די אַדמיניסטראַציע וויל, גייט דער פאָעט אָן שיך, דער דערציילער האָט נישט דאָס פינפערל שבת צו מאַכן, דער עסעאיסט. ווערט אוים קאַפּעלוש מאַכער,

און די רעפּאָרטערס און די זשורנאַליסטן טראָגן שוין אונטער די אמתע סחורה... און דאָס אַלצדינג געשעט פון איין ווינקל מיט אַן אויג פון רעדאַקטאָרס ווינקל אַרויס.

פון איין זייטיקן ווינקל פון רעדאַרטאָרס ווינקל אַרויס, ווערט פונם נעשיקטן רעפּאָרטער אַן אַנשיקעניש, אַ פּאָעט; פון איינעם וואָס „קאָן דערציילן די מעשה" — אַ דערציילער. און פון אַ קאַמיוואָיאַזשאָר אַ נאָוועליסט און — אומגעקערט!... און ערשט וואָס עס קאָן ווערן פון אַן אַקטריסע אין אַזאַ ווינקל... אַ הייליקע פּרימאַדאָנע!

אַ רעדאַקטאָר אין זיין ווינקל. אויב ער קאָן זיך נישט וואַרפן מיט טראָגן, וואַרפט ער זיך מיט בענקלעך... אַז די נכפה כאַפּט אים!

ברוך השם, שוין הונדערט העפטלעך אַ רעדאַקטאָר, אָבער דעם רעדאַקטאָרס ווינקל באַנוץ איך נאָך אַלץ פאַר...

און אַז אָך און ווייַ וואָלט געווען צו מיר, ווען דער פאַל וואָלט געווען אַנדערש! אַז סך הכל האָב איך געוואָלט אַ גוט ליד, האָב איך עס געמוזט אַליין גראַמען; אַ גוטן עסיי, אַליין אים צוזאַמענשטעלן; אַן אַרטיקל, אַ רעפּאָרט א.א.וו. כאָטש זעץ דיך אַנידער אַקעגן איבערן שפּיגל און האַלט אין ווינקען... אַ שיין פּנים וואָלט איך געווען געהאַט.

כּל התחלות קשות. שווער געווען דאָס אַרויסגעבן פון די ערשטע העפטלעך! וואָלט איך כאָטש געווען געהאַט אַ פּאַפּיר־קאָרב וואָלט איך די לידער דאָרט אַריינגעוואָרפן, און זיי וואָלטן ערגעץ־וואו געלעגן... איז נישט ביי אַ פּאַרלעגער. איז כאָטש אין אַן אָנשטענדיקן פּאַפּיר־קאָרב! וואָלט איך אין יענע גוטע צייטן כאָטש געווען געהאַט אַ שער. וואָלט איך מיינע עסייען יידישלעך באַשניטן און זיי וואָלטן באַקומען אַ יידישע צורה!

אַזוי האָב איך מיך געמאַרדעוועט אַ דרייסיק פערציג העפטלעך, ביז איך האָב דערלעבט צו ווערן אַ רעדאַקטאָר בישראל. כ'מיין אַ ווינקל־רעדאַקטאָר; אויף אַ ווינקל (אַן עק קאָנען בייזע צינגער אַנדערש אויסטייטשן...) פון אַ קאַפע־טיש. אין די ווינטער־חדשים, אויף אַ ווינקל פון אַ גאַרטן־באַנק אין די זומער חדשים, ווינק איך מיך נאָך אַלץ אַדורך מיט די שטערן. אַז עפּעס רעכטס גייט פאַרביי וואַרפט מען אויך צו אַ ווינק... און אַז ס'גראַמט זיך איז דאָ אַ ליד; און אַז ס'קלעבט זיך איז דאָ אַן עסיי. און אַלץ פאַר שבת־נאָכמיטאָג, פאַר ווייטשעפּל.

און ויקרא שמו בישראל: אַ זשורנאַל! און פונם מאָגערן פאַרהונגערטן פּאָעזיע העפטל. און פון יידיש־ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָג ביולעטין איז געוואָרן „לשון און לעבן" פאַר גאַנץ מלכות ענגלאַנד, מישטיינסגעזאָגט.

אַ פריילעכער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן. און אַז איך זאָל אָנהויבן צו דערציילן די גאַנצע היסטאָריע, וועל איך נאָך צעשטערן חלילה די גאַנצע שמחה — קיין קליייניקייט אַרויסצוגעבן 100 נומערן פון אַ זשורנאַל, אין וועלכן עס באַטייליקן זיך כמעט אַלע שרייבער פונם לאַנד. דעריבער וועלן מיר אַצינד יוצא זיין מיט דער געשיכטע פון די ערשטע 50, אַלס העפּטל־



מאַכער. (מיר געפעלט נאָך אַלץ יידישלעכער דאָס וואָרט העפטל ווי זשורנאַל און דער רעדאַקטאָר קלעפּט זיך צו מיר ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט...)

איר וועט שוין מוזן וואַרטן אויף מיין אויטאָביאָגראַפיע, וועלכע איך וועל, אַז גאָט וועט וועלן, זי ערשט אָנהויבן צו שרייבן, מסתמא, אין מיינע 80־קער יאָרן. (איך זאָג עס באַלד בכדי איר זאָלט פאַרשפּאָרן צו וואַרטן.) וואָרים אַ מענטש וואָס האָט אויסגעהאַלטן 100 העפטלעך אין לאָנדאָן, וועט זיכער לעבן 100 יאָר. און איך קאָן אייך געבן מיין וואָרט. אַז עס לוינט אויסצוהאַלטן און וואַרטן, בכדי צו הערן די געשיכטע פון די 100 העפטלעך.

— איי, איז דאָס דאָ טשיקאַווע רכילותלעך! עס שוויבלט און עס גריבלט...

און ערשט ווי אַזוי העפטלעך ווערן פּאָרדבוקט, כ'מיין מגולגל אין אַ זשורנאַל.

ווי אַזוי איך האָב עס געמאַכט. איך מיין ווי אַזוי איך מאַך עס, עס הייסט, ווי אַזוי 99 פּראָצענט פון די ענגלישע שרייבער אַרבעטן מיט אין „לשון און לעבן". איר קאָנט עס וויסן און איר קאָנט עס אויך מאַכן: איך בין אַ קאָסאַקער, און אַז איך גיב אַ וואונק, איז עס אין בײדע זייטן מיטאַמאָל. (דער הונדערטסטער פּראָצענט האַלט זיך אויך אין איבערוואונקן). האָט ער אָבער הינער־אויגן, איז ווינקט ער לינקס און די פיס זיינע פירן אים רעכטס און אומגעקערט און עט־צעט־ראַ, ס'איז אַ מעשה אָן אַן עק. אַ וואונק אַליין גענוגנט אָבער נאָך נישט. מ'קאָן פון אַ וואונק האָבן די אמתע צרות — דעם אמתן ווינקל־בראָך!... האָב איך מיך אָבער ווי אַ ווינקל־רעדאַקטאָר, מיין אייגענער המצאה. אַן ערפינדונג אַזאַ. — ווי אַ קוועטש ביים קנעפּל! — און אַז די אַרבעט טוט זיך ממש פון אַליין, און אַז דו האָסט נישט וואָס צו טון: יעדער מיטאַרבעטער האָט זיך זיין ווינקל, טו דיר וואָס דו ווילסט. כאָטש שלאָג דיר קאָפּ אין וואַנט — אַבי ס'זאָל זיין גוט! הא וואָס זאָגט איר, עס איז אַן המצאה, עס איז גוט? עס איז ממש אַ האָר פון מילך אַרויסציען.... און יעצט אַז איר ווייסט עס קאָנט איר עס אַליין מאַכן.

נעמט עס נישט פאַר אומגוט. דאָ האָב איך דאָס מיך מיט עמעצן אַדורכגעוואונקען, גוט־ברידעריש, עס איז דאָך נישט מער ווי רעכטס — עס איז דאָך כטוב לב המלך: אַ קלייניקייט 100 העפטלעך!

און נאָך מער, פון דעם נומער אַן האָט לשון און לעבן שוין אַן אַרמיניסטראַציע. און אַז מיר האָבן שוין דאָס שווערסטע איבערגעקומען: אַן אַדמיניסטראַציע! וועלן מיר דאָך בקרוב באַלד, מסתמא, האָבן אַ שער, און די אַרבעט וועט נאָך פיל גרינגער ווערן... מען וועט נאָר ברויכן צו שערן און עס וועלן זיין לידער און אַרטיקלען און דערציילונגען. די האַנט אין קאַלטן וואַסער. כ'מיין די פעדער אין טינט, — נישט אַריינצושטעקן און עס וועט זיין פון אַלדן־גוטן, ממש פון פייגל־מילך.

און ערשט אַז מיר וועלן ברוך השם האָבן דעם אמתן פּאַפּיר־קאָרב — איך וועל דאַך נאָך מיט דערצייט ווערן אַ גאַנצער שעף־רעדאַקטאָר ר"ל... און איך וועל זיך מיר זיצן אַזוי אין מיין ווייכן פאָטעל (אַ שאָד וואָס איך רויבער

נישט קיין ציגאַרן, עס וואָלט זיך גאַנץ אַנדערש אויסגענומען...) אין ביידע זייטן צוויי טעלעפאָנען — איינער דירעקט צו דער אַדמיניסטראַציע: האַלאָ, פּאַלושאַק, שטענצלס לידלעך קאָנען היינט ניט געדרוקט ווערן,—בשום אופן! — ווייס איך וואָס, שטראָם גראָם מאַך מיר אַ לעטניק... איך האָב זיי שוין אַריינגעוואָרפן אין. . . עס איז בילכער די רעקלאַמע, דער אַנאָנס פונם יידישן טעאַטער, עס איז אַי קולטור, מאַסן־קולטור, און אַי עס צאָלט זיך — 10 פונט אַ זייטל! „שטענצל, וואָס טוט זיך מיט אייך, זענט איר חלילה פון — — —"

אַזוי איז עס, פריינט. . . מיינע כוחות לעצטנס האָבן זיך שטאַרק פאַרפאַרקלענערט, אין אונזער אַרבעט כמעט 10 פאַך פאַרגרעסערט, פריי איך מיך אַז די אַדמיניסטראַטיווע און טעכנישע אַרבעט זיינען כמעט אינגאַנצן אַראָפּגענומען פון מיינע פּלייצעס. און אַז די מיטלען פאַרן זשורנאַל צו דעקן זיינע קאָסטן, — דעם עורף וואָס עס פעלט יעדן חודש צו — וועלן געטיילט ווערן צווישן קאָמיטעט ד.ה. י. ביעטש, אליהו פּאַלושאַק און נעט רובין און דעם פּרעזידענט משה עובד — אויך דאָס דריטל פאַר וועלכן איך פלעג טראָגן דעם אחריות איז אויך גאַנץ פון מיר אַראָפּגענומען און געטיילט צווישן קאָמיטעט און דעם פּרעזידענט פון פריינט פון יידיש לשון. — ס'איז אַ מחיה! עס זאָל נאָר זיין אויף לאַנגע זשורנאַלן, כ'מיין אויף לאַנגע יאָרן.

עס איז זומער, און איך זיץ מיר אויף אַ ווינקל פון אַ גאָרטן־באַנק און בין צעוואונקען מיט זון און מיט יעדן ווינקנדיקן צעבליטן צווייגל. און אַז עפּעס רעכטס פאַרביי קאָן מען אויך נאָך ברוך השם צוואָרפן אַ וואונק: אפנים, עס וועט זיך נאָך גראַמען, האָף איך, ביי מיר אַ לידל, עס וועט זיך נאָך, אם ירצה השם, צוזאַמענשטעלן אַן עסיי. און אין אַ ווינקעלע פון האַרץ איז דאָך אַ שטיקעלע יום־טוב: דאָך אויסגעהאַלטן ביז צום הונדערטסטן, — אַ הויכער באַרג געווען אַרויפצוקלעטערן! — און דאָך זיינען נאָך דאָ מענטשן, וועלכע פרייען זיך מיט אונז — — די אַרבעט איז דאָך נישט אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן!... און איך האָף, אַז מיין ווינקעלע און אונזער „לשון און לעבן" וועט נישט ווערן חלילה געשמעלערט... און אַז מיט אונזערע שתּפותדיקע כוחות וועט אונזער זשורנאַל ווערן אַ ווירדיקער באַשטייער צו דער יידישער ליטעראַטור.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, — 3 אַ זייגער ביטאָג

שבת, דעם 1־שטן מאַי — ערשטער מאַי פייערונג — פּאַאולאַ לעסמאַן.

שבת, דעם 8־טן — די פּאָליטישע לאַגע אין ארץ ישראל און דאָס העברעאישע שאַפן — שלמה אויערבאַך און אליהו פּאַלושאַק.

שבת, דעם 15־טן הונדערט נומערן „לשון און לעבן"-פייערונג.

שבת, דעם 22־טן פייערונג — די יידישע מלוכה אין ארץ ישראל —

שבת, דעם 29־טן — דער טראַדיציאָנעלע ל"ג־בעומר־פייערונג. פאָרלעזונגען פון אונזערע קלאַסיקער.




די סוף־חודש זונטיקס פון
„פריינט פון יידיש לשון" ביי „בן־אורי"
זונטיק 30 מאַי 1948 8 אָוונט

אין לאָקאַל פון
„בן־אורי" קונסט גאַלעריע
14 פּאָרטמען סטריט וו.1.

אַן אברהם רייזען אָוונט

עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַציעס און דעקלאַמאַציעס:

שוישפּילערין דאָראַ דימאַנט, אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין און משה עובד
אַריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי פאַר מיטגלידער!
1 שילינג פאַר נישט מיטגלידער
זיסע טיי און צובייסן

„פרייע אַרבעטער שטימע" גרופּע
(לאָנדאָן)
לאַדעט אייך איין צו דער פייערונג פון
רודאָלף ראָקערס
75־סטן געבורטסטאָג
וועלכעס וועט פאָרקומען
זונטאָג 23־טן מאַי 1948 6 אָוונט
אין צערקל־הויז, עלי סטריט, אָלדגייט
דאַרים זשוק־וועס אין די משער
סעם דרין וועט אָפּגעבן אַ פערזענלעכן
גרוס פון מילי און רודאָלף ראָקער
די פאָלגענדע פערזאָנען זיינען איינגעלאַדן
אָנטייל צו נעמען:
א. ר. ראַלין, י. ל. פיין, א. נ. שטענצל
י. אייזענסטאַן, א. סאַלאַמאַן, רויזי
רודערמאַן, משה עובד, ע. וו. פאַדאַלסקי, מ. מינדל, א. קאַטלער,
נ. קראַמער און דזשאַרדזש קאַרס
12. Cranwich Road, London, N.16.
E. MICHAELS, *Hon. Sec.*

מצבה

זונטאָג, דעם 23־טן מאַי, וועט געשטעלט ווערן די מצבה נאָך מיין פרוי
עלקע ביעטש
אויפן סטרעטהעם בית עולם. קאַרס וועלן אָפּגיין פון 112 דאַרטמוט רויד נ.וו.2.
3.30 נאָכמיטאָג
משפחה און פריינט זיינען געבעטן צו קומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד

פריינדין רחל מירסקי
„פריינט פון יידיש לשון" און די רעדאַקציע פון „לשון און לעבן"
דריקן אויס זייער מיטגעפיל צום פריצייטיקן פאַרלוסט פון
אייער ליבן מאַן דוד מירסקי ע"ה.
איר זאָלט געפינען טרייסט אין אייער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט

„די צייט"

געגרינדעט אין 1913 פון

מאררים מייער

די איינציקע יידישע צייטונג

אין ענגלאנד.

(בשעת דער מלחמה —

די איינציקע אין אייראפע.)

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER
(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

**געזוכט קרובים**

איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואגער יודעל און קינדער, גאלדין. זיי האבן געוואוינט אין וואלקאוויסק, ליטע. דאס לעצטע מאל האב איך גע־הערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען גע־ווען בעקערס. ווער עס ווייסט פון זיי אדער זיי אליין זאלן זיך מעלדן צו:
Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.

**פראפאגאנדע-קאמיטעט**

פון דעם

**ארבעטער-רינג**

22, עלי סטריט, אלדגיים, א.1.

יעדן דאנערשטיק 7.30 אוונט

און

יעדן זונטיק 5.30 נאכמיטיק

קומען פאר

אינטערעסאנטע באלערנדיקע

**רעפעראטן לעקציעס**

איבער וויכטיקע קולטורעלע פאליטישע ליטעראַרישע און אלגעמיינע ענינים

ווענן אלע איינצלהייטן זיך צו ווענדן צום גענעראל־סעקרעטאר:

ווער א מיטגליד פון ארבעטער רינג

**דער
פלאץ
איז
רעזערווירט
פאר
י. ביעטש.**


*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נײנטער יארגאנג נו.6 **העפט 101** יוני 1948 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :


אין טאג ווען די אלטע מויער פון ירושלים איז געווארן דורכגעבראכן ........ ** 1
מיניאטור־בילדער פון ניי־ירושלים ...... אפרים טויבענהויז 7
ווײן נישט מאמע... (ליד) .......... דוב ווארשאווסקי 11
דער יונגער דוד (סקולפטור) ........... מאקס סאקאל 12
אין דער איצטיקער שעה ......... ד"ר יעקב י. מייטליס 13
אלדד און מידד זאגן נביאות אין לאנער (מאנאלאגן) .. לעא קעניג 14
פאר דער כותל־מערבי (באלאדע) ............ א. נ. שטענצל 17
מייסטערהאפטע נאכט (פון סעריע דערלעבענישן) .... משה עובד 20
צו דער זון (אדע) .................... יוסף הלל לעווי 23
דער סופרייז (אן עפיזאד) .................. קיטי בראון 28
מחבר פון „לכה דודי" (די צפת'ער מקובלים) ........ ש. ערנסט 32
די יידישע טעמע אין גארקי'ס שאפן ....... א. שומסקי ג. לעווין 36
לעא קעניג'ס בוך (רעצענזיע) .......... יהושע פאדרוזשניק 41
ד"ר מארק דווארזשעצקי'ס בוך (רעצענזיע) .... ש. י. דארפזאן 45
דאס בוך אין ארץ ישראל ................. יעקב פערנבאך 47
צו משה עובד'ס סקולפטור־אויסשטעלונג ............... ש. 51
דער געפייניקטער פייניקער (סקולפטור) ......... משה עובד 52
דער לויפנדער הערש (מנורה) ............. משה עובד 53
אין אנגסטפולע שעהן (צייט־ליד) .............. ש. זאלקין 54
די גאליציאנער „אינוואזיע" (דיסקוסיע) .... אליהו פאלושאק 55
יצחק שרייער ז"ל (נעקראלאג) ......... שלמה אויערבאך 58
נאך באגריסונגען צום הונדערטסטן נומער „לשון און לעבן" ........ 60
קולטור ידיעות פון דא ............................ 63
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאכמיטאגס ............ 64


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנעמענטס־פרייז: —13/6 פאר א יאר;
אין אויסלאנד: —3 דאלאר א יאר
1/3 פאר א פראבע נומער

אדרעס פון רעדאקציע
„לשון און לעבן", נאראד־פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן א.1.